# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳ נומער 237 · פרשת כי תבא · תשפ״ד

**צום פינטל:**
בן סורר ומורה

**פאר די ברסלב׳ע שטוב:**
תשובה מיט פארלאשענע לעקטערס

**קינדער בלעטל:**
אן אויער וואס הערט

# צום ווידערזען ראש השנה אין אומאן




ישיבת היכל הקודש ירושלים
ביי רבי שמעון אין מירון

## איין וואך צום התרגשות׳דיגן נסיעה קיין אומאן ראש השנה

פרשת כי תבא תשפ"ד • 237

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס

**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער

**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער

**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



# פרישע אטענטאט אויף טראמפ

8



# קעמערעס אין שטעטל

6



# אויפן וואסער אליין

33

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

| | |
|---|---|
| 4 | בריוו צו די רעדאקציע |
| 6 | שטעטל נייעס |
| 10 | צום פינטל |
| 20 | א מעשה פון א צדיק |
| 26 | פאר די ברסלב'ע שטוב |
| 33 | קינדער בלעטל |

## זמנים

פרשת כי תבא י"ח אלול

הדלקת הנרות.. 06:40
מוצאי שבת...... 08:09

מנחה מעריב נצו"י.... 07:45






הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים
וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

# חודש אלול

מו"ה
משולם
פינטער
הי"ו

מו"ה
אליהו
קנאלל
הי"ו

מו"ה
חיים ישעיה
דעפרים
הי"ו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס
מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
רענט
קאמפיין

# בריוו צו די רעדאקציע

## איבערן הייליגן באבא סאלי זי"ע

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, בעז"ה וואין פנינים אפטיילן געשריבן דורך אונזער חבר מו"ה יואל שניצלער הי"ו איז געווען באשריבן איבער די שייכות פון הייליגן באבא סאלי זי"ע מיט מוהרא"ש זי"ע.

וואלט איך געוואלט צולייגן וואס איך האב געזען אין ספר "אש קודש" וואס איז צאמגענומען מעשיות פון מוהרא"ש זי"ע. שטייט דארטן אז דער גבאי פון באבא סאלי זי"ע איז אמאל געקומען קיין אמעריקע, און ער האט זיך געוואלט טרעפן מיט מוהרא"ש. די רעבעצין האט געעפענט די טיר און געזאגט אז מוהרא"ש האט זיך ממש יעצט צוגלייגט.

אפאר מינוט נאכדעם האט זיך מוהרא"ש אויפגעוועקט און געגעבן א פרעג אין שטוב אויב איינער האט געווארט אויף אים, האט מען אים געזאגט אז יא דער גבאי פון הייליגן באבא סאלי האט געוואלט זיך טרעפן, האט מוהרא"ש געזאגט מ"זאל אים שוין רופן. כך הוה, מ'האט אים שנעל צוריקגערופן, און זיי האבן גערעדט א שטיק צייט צוזאמען.

שפעטער ביים סוף האט דער גבאי פון באבא סאלי געפרעגט מוהרא"ש "וואס האט דאס פלוצלינג פאסירט אז מוהרא"ש האט געבעטן מ'זאל אים שנעל צוריקרופן"? האט מוהרא"ש געזאגט "איך האב געזען אין באבא סאלי אין חלום (ער האט שוין דעמאלט נישט געלעבט) און ער האט מיר פארגעהאלטן פארוואס איך לאז זיין שמשווארטן, ווען ער דארף שוין צוריקפארן, און ער האט עפעס זייער וויכטיג צו רעדן."

דאס האב איך געוואלט צוברענגע, אלס א המשך פון וואס ר' יואל האט געשריבן, און וואס מ'זעט אז צדיקים האבן א שייכות איינער מיטן צווייטן.

**א דורשטיגער ליינער**

## א מופת פונעם בלעטל

לכבוד די רעדאקציע פון קרית ברסלב בלעטל, איך וויל אייך שרייבן א קליינע מעשה איר זאלט פארשטיין ווי ווייט אייער ארבעט טוט אויף.

איין שבת איז דער יצר הרע געקומען באזוכן ביי מיר אין שטוב און אנגעהויבן אנציען די נערוון אז עס זאל ווערן מחלוקת רח"ל.

איך האב געזען אז איך דארף עפעס טון עמערדזשענסי, האב איך אין די נענסטע געלעגנהייט געכאפט דעם בלעטל, און שנעל אויפגעמישט צו ר' משה ארי'ס באשרייבונג, ער האט געשריבן (אזויווי רוב מאל) וועגן שלום בית.

די מעשה ענדיגט זיך נישט אזוויי אין גמרא אז מען האט געהערט א פענסטער צופלאצט זיך... אבער איך האב גלייך געשפירט אז דער יצר הרע איז אנטלאפן ווי שנעל זיינע פליגלעך האבן אים געקענט טראגן.

א מופת פונעם בלעטל....

**א שטענדיגער ליינער**

## אפאר נקודות איבער די נסיעה קיין אומאן

א גרויסן שכח פארן אהערשטעלן יעדע וואך אזא רייכע ריינע אויסגאבע.

אזוי ווי מיר גרייטן זיך שוין צו פארן קיין אומאן, וויל איך איבערגעבן פאר די חשובע בלעטל לייענערס אפאר געדאנקען:

1. אזוי ווי אין די שטובער אינעם בנין היכל הקודש איז נאכנישט דא קיין שאפעס אדער hooks פאר די קליידער, האב איך מיך פאריאר געקויפט אזעלכע הוקס וואס גייט ארויף איבער די טיר/בעט וכדומה, עס קאסט ממש אפאר דאללער/שקל און עס ברענגט הרחבת הדעת.

2. אזוי ווי דער עולם איז זייער איבערגעשטרענגט אויפן וועג און צומאל כאפט מען נישט וואס מ'טוט, איז כדאי זיך איינצו'חזר'ן יעצט נאך איידער מ'פארט ארויס, אז למשל ווען ס'כאפט א שיין אויפן וועג צו נעמען די מייק און מחזק זיין אנ"ש, זאל מען געדענקן אז פאר געוויסע מענטשן, בפרט מיטל יעריגע איז שווערער אייצושלאפן, און אויב מען ווערט אויפגעוועקט קען מען שוין נישט צוריק איינשלאפן... בשעת מעשה ווען מ'בעט יענעם צו זיין שטיל האט זיך זייער אסאך מאל ארויסגעוויזן אז "מרוב אנגעשטרענגטקייט" האט ער נישט געכאפט ווי שטארק עס שטערט אנדערע...

3. ביטע אבאכט געבן ווען איר קומט אריין אין שטוב נישט אויפצואוועקן די שכנים, ערלעדיג אלעס אינדרויסן. יישר כח, כתיבה וחתימה טובה!!

**ירוחם ג.**

# היכל הקודש נייעס




אומאן

## מאלדאווע וויזט צוריק טשארטערס פון ארץ ישראל

פון די צענדליגער טויזנטער אידן וואס קומען קיין אומאן, האבן בערך 15,000 אידן געהאט טיקעטס אויף טשארטער פליגערס פון ארץ ישראל קיין מאלדאווע. יעצט קומט ארויס די נייעס אז מאלדאווע וויל נישט געבן קיין ענדגילטיגע ערלויבעניש פאר די טשארטערס צו לאנדען ביי זיי, זאגנדיג אז זיי קענען נישט דערהייבן דעם פארמערטן פלוס פון פאסאדזשירן צו זייער עירפארט, און האבן טענות פארוואס מדינת ישראל וויל נישט באצאלן די קאסטן פון צולייגן סעקיורטי.

חסידי ברסלב וואס זענען שוין געוואוינט מאז ומקדם אז מען דארף איבערקומען שטיינער, זענען נישט באזארגט, און בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען אנקומען געזונטערהייט. און זיכער איז מען נישט אינטערעסירט אין די טובות פון די מדינה, וואס איז פארשטייט זיך נישט אינטערעסירט צו העלפן די הייליגע נסיעה, וואס איז אין קעגזאץ צו זייער עקזיסטענץ פון אויסרייסן די אמונה פון אידישע קינדער, און דער נסיעה ברענגט צוריק טויזנטער אידן צום אייבערשטן.

די פארשידענע אגענטורן וואס געבן זיך אפ מיט מסדר זיין די נסיעות אין ארץ ישראל, זענען אין די טעג פארנומען צו פריש מסדר זיין די רייזעס קיין אומאן, כאטש קישינעוו - דער לופטפעלד אין מאלדאווע - געפונט זיך דאס נענטסטע קיין אומאן, געפונען זיך נאך עירפארטס אין אנדערע מדינות אין די געגענט נישט צו ווייט. טייל ווענדן זיך צום עירפארט אין יאס, רומעניע, אדער צום מארמאראש עירפארט נעבן די שטאט סאטמאר, אין רומעניע, אויך קוקט מען ארויין אין אן אפציע צו נוצן דעברעצין עירפארט אין אונגארן, אזוי אויך קאשוי עירפארט אין סלאוואקיע.

די קומענדיגע אפציע איז ריישא פוילן, וואס די און נאך עירפארטס געפונען זיך אין די גאנצע אומגעגענט ארום אוקריינע פון וואו מען קען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

וויאזוי עס זאל נישט זיין וועט דאס נישט קענען אפהאלטן די רצון און בענקשאפט פון די אלפי חסידי ברסלב צו קומען קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון, ווי מען וועט נישט רוען ביז מען וועט פועל'ן די ישועות וואס מען דארף.

יעדער פארשטייט אז ווען מען האט א שווערע משפט, דער לויער זאגט אז עס איז א שווערע קעיס, בפרט אז מען ווייסט ביי זיך אז מען האט נאך אסאך צו פארריכטן, קען מען נישט נעמען קיין שאנסן, און אז דער לויער זאגט אז מען זאל קומען צו איים בשעת'ן משפט, קוקט מען נישט אויף גארנישט. חייך קודמין.

אנשי שלומינו גרייטן זיך צו צום גרויסן יום הדין, מען מאכט א חשבון הנפש, מען לייגט צו שיעורי תורה, מען איז מרבה מיט מצוות און מעשים טובים און מען איז מתפלל מען זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר זיך טרעפן אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן און זיכער פועלן דארט אלעס גוטס פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

**איש בל יעדר!**

# פרישע איינריכטונגען אין קרית ברסלב בעזרת השם



אין א פרישן שריט גרייט מען זיך מיטן אייבערשטנ'ס הילף צו אינסטאלירן סעקיוריטי קעמערעס ביי אלע ווינקלן פון שטעטל.

לעצטנס האט דער ראש ישיבה געשריבן א בריוו פאר די חברי הנהלה די וויכטיגקייט פון אינסטאלירן קעמערעס, כדי אויפצוכאפן די לייסענס פלעיטס פון געוויסע וואס גנב'נען אדער טוען שאדן אין שטעטל.

אינעם בריוו שרייבט דער ראש ישיבה איבער א מעשה מיט א פרוי וואס א באנדע שקצים זענען איר באפאלן, און זי האט אזוי געשריגן צום אייבערשטן ביז א נס איז געשען און זיי זענען אנטלאפן, אזוי אויך איז דא גנבים וואס גנב'ענען פאסט פון די איינוואוינער. אויך דארף מען קענען אויפכאפן ווער עס פארט שנעל און שטעלט אונזערע קינדער אין א סכנה.

יעצט הערט מען די גוטע נייעס אז אונזער חבר מו"ה מרדכי היימליך הי"ו קויפט שוין איין די קעמערעס און מען האפט צו אנהייבן די ארבעט גאר בקרוב.

די פלאן איז צו אינסטאלירן די קעמערעס ביי די אריינגאנג פון שטעטל ווי רעקליף, טווין ברידזש ביי צוויי זייטן, האשקי, און דענמאן.

דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אלעס בייזן און שלעכטן.

אין אנדערע נייעס איבער די פארשריט פון צושטעלן סערוויסעס פאר די חשובע איינוואוינער, הערט מען אז מען האט שוין אנגעהויבן גראבן א כלים מקוה, וואס האט נאך געפעלט ביז היינט.

די שטעטל איז שוין אפען ברוך השם פינף יאר, כסדר טוט מען פארבעסערן און צושטעלן די געברויכן וואס ס'פעלט זיך אויס פאר א אידישע שטאט, ביז יעצט ווער עס האט געדארפט טובל'ן א נייע כלי, האט דאס געדארפט ברענגן צום האשקי מקוה, וואס באמת איז דאס נישט אויסגעשטעלט פאר דעם, אבער אז מ'האט נישט קיין ברירה, טוט מען וואס מ'קען.

דא איז אריינגעקומען אין בילד א חשובער נדבן מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו וואס האט גענומען אויף זיך די קאסטן דערפון. דער ראש ישיבה האט באשטימט צו בויען דעם מקוה ביים בנין פון די קהילה אויף טווין ברידזש, דארט ווי ס'איז די קליידער סטאר און קיאסק.

די ארבעט איז שוין אין פולן שוואונג, און מען האפט בקרוב דאס צו קענען אנהייבן ניצן צו די צופרידנהייט פון די תושבים.

**עין רואה ואוזן שומעת!**





SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS

# The baby is miserable and crying all night.

## Don't shlep them outside when they're sick.

Get them cared for with a personal visit in the comfort of your home.

- Strep Cultures
- Flu, Covid & RSV Testing
- Ear Exams
- Prescription Refills
- Rashes & Pink eye
- Seasonal Allergies
- Urine Cultures
- Labwork
- Tick removal/testing

Medease
CARE AT HOME

Sun: 12pm-8pm | Mon-Thurs: 2pm-10pm | info@medease.care | medease.care | 718.208.2030

גרשון קרעמער



# צווייטע אנטענטאט פרואוו אויף געוועזענעם פרעזידענט טראמפ אין צווי חדשים

ווען מען הערט די פרישע נייעס ווי ווידעראמאל האט זיך געיאוועט א שיסער מיט א מיליטערישע עי קעי 47 ביקס און געפראוואוט צו שיסן דעם געוועזענעם פרעזידענט טראמפ, דערמאנט מען זיך פון דעם שיינעם הארציגן נוסח וואס מען זינגט ראש השנה "מי יחי' ומי ימות, מי בקיצו ומי לא בקיצו".

מוהרא"ש פלעגט זאגן וואס איז דער "מי מי מי" וואס מען זאגט ביים דאווענען ראש השנה און יום כיפור (אויף די ברסלב'ע נוסח)? וואס איז שלעכט מיט פשוט "מי יחיה ומי ימות", וואס זינגט מען "מי מי יחיה, ומי מי ימות" און אזוי ווייטער, פלעגט מוהרא"ש זאגן אז די אלע זאכן ווי לעבן אדער פארקערט, געזונט אדער פארקערט, פרנסה אדער פארקערט זענען בלויז די ראשי פרקים פון וואס מען שרייבט אונז אן ראש השנה, אין די איבעריגע "מי'ס" ליגן די פילע אנדערע שיקזאלן וואס ווערן נגזר ווערן אויף דעם מענטש לטב ולמוטב, און אויף דעם זענען מיר מתפלל מיר זאלן פארשריבן ווערן לחיים, ולשלום, צו פרנסה און רואיגקייט.

דעם געוועזענעם פרעזידענט טראמפ איז היינט זונטאג דורך א פרישע אטענטאט פרואוו, ווען ער האט זיך געפונען אויף זיין גאלף קורס אין מאר-א-לאג אין וועסט פאלם ביעטש פלארידע, און א פארשוין אין די זעכציגער יאר שווער באוואפענט האט זיך געשטעלט נישט ווייט פון דארט.

כאטש דער שפיל ארט איז געווען פארשלאסן, האט ער געטראפן א פלאץ וואו מען האט געקענט אריינקוקן און זען וואס טוט זיך אינעם גאלף קורס.

אבער אז עס איז באשערט צו לעבן וועט דער אייבערשטער מאכן אז די סיקרעט סערוויס אגענטן זאלן באמערקן דעם פארדעכטיגטער פארשוין. דער זעכציג יעריגער - זעענדיגט אז ער איז באמערקט געווארן - האט שנעל אריינגעשטעלט דעם שפיץ פונעם ביקס אינעם צוים האפענדיג אז ער וועט קענען אין די שנעלעקייט שיסן אויפן פרעזידענט.

די לייב וועכטער פונעם פרעזידענט האבן אבער תיכף גענומען שיסן - נאך איידער ער האט געהאט א שאנס צו טון עפעס בייזענס - ער האט תיכף אפגעיאגט פון שטח, און אראפגעווארפן זיין געווייגט דארט צווישן די ביימער, און אפגעפוצט מיט זיין קאר. בערך פערציג מינוט שפעטער האבן די פאליציי אים דעריאגט און אים ארעסטירט.

דעם פרעזידענט האט מען תיכף אוועקגעפירט צו א זיכערע ארט, וואס פון דארט האט ער געלאזט וויסן דעם עולם אז ער איז מסודר, נאכן ווידעראמאל געראטעוועט געווארן פון אן אטענטאט פרואוו.

דאס איז געקומען אין א צייט קוים צוויי וואכן איידער מיר פארן ארויס צום הייליגן רבי'נס ציון אין אומאן, און דאס דינט ווי א פאסיגע דערמאנונג וואספארא יאר עס איז דורך אויף אונז, "מי ינוח ומי ינוע", ווער וועט זיין רואיג, און ווער וועט זיין צושאקעלט, וויאזוי וועט אויסזען אונזער קומענדיגער יאר? וועלן זאכן פארן סמוד, אדער וועלן זיין באמפס? מיר ווילן האבן א סטאבילע יאר ברוחניות ובגשמיות, די באנק זאל זיין געקאווערט, און די מוח זאל זיין מסודר, וואס ווייסט א מענטש וואס ווארט אים?

דערפאר ווילן מיר אלע איבערקומען אלע מניעות און נישט קוקן רעכטס אדער לינקס, קויפן א טיקעט און זיך ארויסלאזן אויף דעם לאנגן וועג צום גרויסן לויער וואס וועט איינרייסן פאר אונז מיר זאלן האבן אונזערע ישועות ברוחניות ובגשמיות

**מי יחי' ומי ימות**

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## דער באדייט פונעם עלעפאנט און דער אייזל פאר די פארטייען

### שאלה

*ווען ס'איז פארגעקומען די דעבאטע צווישן טראמפ און ביידען האט איר געלייגט א בילד פון אן עלעפאנט און אן אייזל ביי א פאדיום, אין מיינע אויגן קוקט דאס אויס ווי איר ווילט אראפ שטעלן ווי די קאנדידאטן זענען בהמות, איך מיין אז מ'דארף שרייבן מער רעספעקטפול ווען מען רעדט איבער זיי. בפרט ווען טראמפ האט אזויפיל געהאלפן אידישע קינדער.*

*א. זילבער*

### ענטפער

זייער גוט אז איר פרעגט. די סיבה פארוואס מיר לייגן א בילד פון די צוויי חיות ווען מען רעדט איבער די וואלן איז צווייפאכיג, איינס דער ראש ישיבה שליט"א האט אראפ געשטעלט א פאליסי אז מען זאל נישט לייגן קיין בילדער פון קיין גוים אין אונזערע אויסגאבעס, דערפאר האבן מיר געטראכט אז מיר וועלן לייגן עפעס אנדערש. פארוואס די צוויי חיות? ווייל דאס איז דער סימבאל פון די צוויי פארטייען. שוין איבער הונדערט יאר ווערט דער "אייזל" גענוצט ווי דער סימבאל פאר די דעמאקראטישע פארטיי, און דער "עלעפאנט" ווי דער סימבאל פאר די רעפאבליקאנער פארטיי.

דער אייזל סימבאל האט זיך אנגעהויבן מיט דעם וואס א רעפאבליקאנער קאנדידאט דעמאלטס האט גערופן דעם דעמאקראט אן "אייזל", ווי צו זאגן אז זיי זענען נאריש, אבער די דעמאקראטן האבן אנשטאט דאס אפווארפן עס גענומען אלץ זייער סימבאל, און פון דאן פלעגט מען מאלן די דעמאקראטן אין די קארטונס אלץ אן אייזל, און שפעטער האט איינער געמאלן א קארטון ווי אן אייזל פארשטעלט ווי א לייב פארטרייבט און דערשרעקט אלע חיות פון וואלד אריינגערעכנט אן עלעפאנט, און זינט דאן איז דאס געווארן אנגענומען אלץ זייער סימבאל.

כאטש מיר פרובירן צו דעקן ביידע צדדים און נישט נעמען קיין שטעלונג, וועלן מיר אבער דאס מאל קלאר שטעלן אז ביי אונז אין די רעדאקציע איז מען בכלל נישט אומפארטייאיש, מיר זענען קלאר איינזייטיג און מיר שטיצן דעם קאנדידאט וואס האט די ריכטיגע פאליסיס וואס איז וויכטיג פאר אונז.

עס איז קלאר אז מיר דארפן א פירער מיט עקספיריענס און איינער וואס פארשטייט וויאזוי אמעריקע דארף זיך פירן סיי אינערליך און סיי אויסערליך, עס איז אן ערנסטע צייט היינט, עס קומען פאר שווערע מלחמות איבער די וועלט, מען מאכט קריטישע לעבנסוויכטיגע באשלוסן וואס וועט האבן ווייטגרייכנדע אויסווירקונגען אויף מיליאנען מענטשן. עס קומט פאר א בלוטיגע שלאכט אין אוקריינא, און אזוי אויך דער מיטל מזרח קאכט ווי א קעסל.

מיר וועלן יעצט איינמאל אינדארסירן א קאנדידאט און מיר בעטן אלע, אז וויבאלד דאס מאל זענען די וואלן גאר וויכטיג, און אפילו מיר וואוינען אין ניו יארק וואס ווערט ערווארטעט צו גיין גרינג פאר די דעמאקראטן, דארפן מיר אבער ארויסגיין און וועלן צו מאכן א סטעיטמענט וועם מיר שטיצן.

אויב מיר אלע וועלן אויסוועלן אלץ אונזער פירער דעם היייליגן באשעפער, וואס נאר ער קען אונז העלפן, און ער וויל אונז העלפן וועלן מיר האבן א זיסע לעבן, דער אויבערשטער שטייט און ווארט מיר זאלן אים בעטן און ארויסקוקן צו אים, ווייל ער האט אונז ליב און ער ווארט צו הערן פון אונז.

מיר דארפן "אלעס" בעטן דעם אייבערשטן, סיי וואס עס דרוקט אונז נאר, אויב מיר שפירן אז טראמפ מוז געווינען, ווייל אז נישט וועט... בעט עס פונעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט צופירן אז דער קאנדידאט וואס איז די בעסטע טובה פאר אונז וועט געווינען ווייל לב מלכים ושרים ביד השם.



# צום פינטל

## קיינמאל געווען און וועט נישט זיין

דו זולל וסובה, דו בן סורר ומורר ... איין מינוט... ומורא? ומורה? ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן קיין איינס נישט, נישט סורר ומורר ווי דו שרייסט, און אודאי נישט בן סורר מורא, און אויך נישט בן סורר ומורה.

פארוואס זאגסטו אזוי? קיין איינס נישט? עס איז דאך א פסוק מפורשת "כי יהיה לאיש בן סורר ומורה", עס איז זייער קלאר: "אז א איד וועט ליידער האבן א זון א שייגאץ אינדערהיים, ער וועט אריינפייפן אין טאטע מאמע, ער וועט פרעסן, זויפן, גנב'ענען, איז דא א חיוב אויף בית דין אים צו הרג'ענען" איז וואס... ווילסט ארויסשניידן א גאנצע פרשה אין די תורה?

איז לאמיר צולייגן די ענין פון "בן סורר ומורה", לאמיר אביסל איבערגיין די תנאים אז אזא זאך זאל פאסירן.

דער קינד מוז זיין פונקטליך א געוויסע יארגאנג (פון 13 ביז 13 מיט דריי חדשים)

ער מוז עסן פונקטליך די געוויסע מאס עסן.

פון וואו ער נעמט די עסן (פון זיין טאטנ'ס פראפערטי).

וואו ער עסט עס (נישט אין זיין טאטנ'ס פראפערטי).

מיט וועמען ער עסט עס (נאר מיט א חבורה).

ווי שנעל ער עסט עס (די גאנצע אויף איינמאל).

איין מינוט, נאכנישט פארטיג... בעסער געזאגט נאכנישט אנגעהויבן.

די טאטע מאמע טארן נישט זיין נישט הינקעדיג, נישט בלינד, נישט שטום, נישט טויב, זיי מוזן האבן אלע אברים גאנץ.

פאוואליע... די קול פון די עלטערן דארפן זיין אייניג, טאטע מאמע דארפן האבן די זעלבע קול... הערסטו...? זיי דארפן זיין די זעלבע הויך... זיי דארפן אויסזען אייניג...

ווען מען לערנט די פרשה זעט עס מער אויס ווי מען שטעלט אויס א מעיז א באהאלטענע וועג מיט פיל שווערקייטן אויפן וועג, זיכער צו מאכן אז דאס זאל בשום פנים ואופן נישט קענען פאסירן.

ווען מען גייט אריבער די קרייטעריע וואס דארף אלס שטימען, איז עס ווי א טשעק ליסט, א טעסט וואס דארף געצייכנט ווערן "א הונדערט", און וויפיל מען וועט פרובירן צו באשולדיגן דאס קינד וועט אלעמאל אויסקומען אז עס איז נישט דא אזא מציאות, אזש אויף אזוי ווייט אז רבי יהודה זאגט קלאר: "בן סורר ומורה איז א זאך וואס איז קיינמאל נישט געווען, און וועט קיינמאל נישט זיין" עס איז נישט במציאות עס זאל צוקומען דערצו אז בית דין זאל אמאל שטראפן א קינד וואס איז א בן סורר ומורה.

רבי יהודה אליין איז מסביר די טעם, נו אויב אזוי דאן פארוואס האט דאס די תורה בכלל געשריבן? זאגט רבי יהודה עס איז פשוט כדי "דרוש וקבל שכר" פשוט צו צילייגן א שטיקל צו די תורה וואס דו זאלסט לערנען און באקומען שכר. מען האט פשוט אריינגעלייגט א גאנצע פרשה אין די תורה נאר כדי ווען דו ביסט מעביר סדרה וועסטו האבן געלערנט נאך א פרשה, און דו וועסט באקומען מער שכר.

פלא והפלא! הערסט א מעשה? די תורה וואס יעדע אות איז אויסגערעכנט, שטעלט

אריין א פרשה וואס איז נישט און קען נישט זיין, פשוט מען זאל עס לערנען און באקומען שכר. זייער אינטערעסאנט, עס איז נישט געווען קיין איין אנדערע מצוה וואס דער אייבערשטער האט געקענט אריינלייגן וואס קען יא געשען? ווען מען האט אפירגעזיכט צו לייגן עפעס אין די תורה, א פרשה וואס מען זאל קענען דרש'ענען און באקומען שכר איז דאס געווען די 'איינציגע אפציע' א מעשה פון א קינד וואס איז געווארן א בן סורר ומורה?

נאך מער... ווייל צו דער זעלבער צייט ברעכן מיר זיך קאפ אין הלכות שבת מען וועט ציען און ציען א איבריגע י' א איבריגע ו' וואס פון דעם לערנט מען ארויס גאנצעטע סימנים אין שולחן ערוך, המקרא הזה אומר דרשנו, עפעס א סוד ליגט דא באהאלטן, עס איז נישט אזוי פשוט.

איך וועל דיר זאגן וואס איך טראכט, דאכט זיך מיר אז דו טראכסט זייער אויבערפלעכליך אז דו שרייסט: "דו זולל וסובה דו בן סורר ומורר", דו טראכסט בכלל נישט אריין אין וואס דו האסט דא געשריגן און וואס בכלל דא גייט פאר.

ווייל ווען מען קוקט אריין אין די ווערטער, מען גייט איבער די פרשה, זעט מען גאר אנדערע זאכן, די תורה וויל אונז דא נישט לערנען פשוט ווי אזוי "דו" זאלסטיך פירן, וואס דו זאלסט יא צו טון, און וואס דו זאלסט נישט טון.

עס איז א טיפע וויכטיגע לימוד, מען הייבט אן לערנען די פסוק "כי יהיה לאיש בן סורר ומורה", ווען א מענטש וועט האבן א זון וואס ער איז א סורר ומורה, ער הערט נישט אויס זיין טאטע מאמע, ער זויפט, ער פרעסט, און וויפיל מען מוסר'ט אים "ויסרו אותו ולא ישמע אליהם", געענדיגט דא מאך א סטאפ, קוק ווי צווישן די שורות, וועסטו זען אז יעדע איינציגע ווארט האט א דרש פון חז"ל.

אוי איז דאס א לימוד, אוי איז דאס א טיפע... גארנישט איז פאר גארנישט, עס איז נישט דא אזא זאך א שלעכט קינד, קוק, קוק אריין טיף אין די מעשה, לאמיר זען, לאמיר זיך אריינטון, וואס איז געווען די מעשה, פארוואס איז עס געשען, אפשר איז דא עפעס דערינדטער. עס מוז זיין אזוי, ווייל ווי אזוי דו וועסט וועלן דרייען כדי צו מאכן פון דעם א זאך וואס קען פאסירן, וועט מען ווייטער דרש'ענען יעדע ווארט און דיר אויפווייזן ניין! דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט! אזא מציאות איז נישט דא! עס קען נישט זיין אזא זאך, עס עקזיסטירט נישט אזא זאך ווי א שלעכט קינד, איי איך זע דאך מיט מיינע אויגן אז דער איז א 'זולל וסובה', איך זע דאך מיט מיינע אויגן אז ער איז א 'בן סורר ומורה', אז ער איז 'איננו שומע בקולינו'.

אמת, יא, פאר דיר איז די פרשה געשריבן, פשוט אז דו זאלסט טראכטן, דו זאלסט שרייען מיט די העכסטע קולות, פון טיפעניש פון דיין נשמה, שריי איין איינציגע ווארט "פארוואס איז עס געשען"? אפשר ליגט דא באהאלטן א יוגנט, אפשר זענען די קול פון טאטע מאמע נישט געווען אייניג, אפשר איז געווען עפעס אין שטוב, טראכט טראכט און טראכט, ווייל אויב וועסטו טראכטן וועסטו צום סוף צוקומען צו די מסקנא אז עס איז נישט דא אזא מציאות, עס איז נישט געווען און עס קען נישט זיין. ווייל עס איז נישט דא אזא זאך ווי א שלעכט קינד, און אויב האסטו געזען אז ער איז א 'בן סורר ומורה' א 'זולל ושובע' א 'איננו שומע בקול אביו ובקול אמו', "מוז" "מוז זיין" אז דא איז עפעס געווען וואס האט געפירט ער זאל זיין אזוי.

דאס איז טאקע די סיבה פארוואס די תורה האט עס אונז געשריבן, כדי מיר זאלן עס לערנען און קוקן מיט אונזערע אויגן. פששש... א פחד, אזוי נידריג זאל זיך דערקייקלען א קינד? וועמען'ס איז ער? ניין "דרוש" וקבל שכר, דרש'ן עס, קוק אריין טיף אין די ווערטער פון חז"ל, וועסטו באקומען שכר. נישט שכר לעולם הבא, שכר דא אויף די וועלט, דו וועסט וויסן ווי אזוי אויסצושטעלן א שטוב. אפשר זאלסטו זיין אויף די זעלבע פעידש ווי דיין ווייב, אפשר... אז א קינד איז ווידערשפעניג, קוק אריין דערין, דרש'ן עס, וועסט באקומען שכר אז דו וועסט קענען טראכטן מיט געפיל מיט אמת. אנשטאט טראכטן פלאטשיג אן קיין מח אן קיין שכל, דער? דער איז דאך א שגץ! דער? דער איז דאך א רשע, זי? זי איז דאך א שיקסע, זעט אויס אז זיי האבן נישט געגוג פעטש געכאפט.

ניין ניין ניין דו לערנסט נישט, דערפאר ווייסטו נישט, אויב דו וועסט לערנען וועסטו באקומען שכר, וועסט באקומען שכל ווי אזוי אנצוקוקן א מענטש, ווי אזוי אנצוקוקן א אידיש קינד. וועסט זען א שגץ א שיקסע וועט זיך דיר עפענען דיין הארץ, וועסטו נישט קענען צוריקהאלטן טרערן, עס וועט זיך נישט אויפהערן דיין פיין און ווייטאג. אוי ווי געוואלד אז דאס קינד האלט אין אזא מצב, וואס איז נעבעך אריבער אויף דאס קינד, עס מוז דאך זיין אז דאס קינד איז אריבערגעגאנגען שוידערליכע יארן, צו פון עלטערן, פון חברים, פון מלמדים, פון זיך אליין, דו וועסט עס דרש'נען אזוי לאנג ביז דו וועסט מער נישט קענען, די טרערן פון רחמנות וועלן פארשטעלן די זע קראפט פון דיינע אויגן, דו וועסט קענען טון איין זאך, זיך אראפלייגן די קאפ אויפן חומש און שרייען פון טיפעניש פון דיין נשמה "אוי טאטע אין הימל, אידן זענען אזוי וואויל, אידן זענען אזוי טייער, אידן זענען אזוי גוט, קוק נעבעך וואס זיי מאכן מיט, זיי אונז דן לכף זכות."

לא בחינם קומט אויס פרשת בן סורר ומורה אין די טעג בעפאר מיר גרייטן זיך צום יום הדין, אזוי ווען מען וועט ווילן מאכן אן הכנה צום יום הדין וועט גלייך קומען אין געדאנק "העי? פארוואס דארף מען באשטראפן אידישע קינדער? פארוואס איז בכלל דא אן אוזן קשבת צו די מקטריגים? פארוואס איז מען דן אידן לכף חוב?

"א סורר ומורה איז א זאך וואס איז לא היה ולא נברא"



# מעשיות פון תפילה

## דוד יעקב יאקאבאוויטש

יבנאל

פאר אפאר חדשים האט אונז דער דאקטער אנגעשראקן אז מיר קענען חס ושלום האבן א נישט געזונט קינד לא עלינו. מיר האבן עס גענומען זייער ערנסט, און זיך געשטארקט מיט מער און מער תפילות צום אייבערשטן אז אלעס זאל גיין כשורה, איך זאל יא זוכה זיין צו א געזונט קינד בשעה טובה ומצלחת.

מיר האבן מזכיר געווען ביים ראש ישיבה שליט"א, ער האט אונז געזאגט מיר זאלן זיך נישט זארגן. אויך האט ער אונז געזאגט אז דער גרויסער דאקטער וואס פארשטייט צו די זאכן ליגט אינעם בית החיים אין יבנאל... דאס איז מוהרא"ש זי"ע.

אזוי האבן מיר געטון, מיר זענען געגאנגען צום ציון פון מוהרא"ש כמעט יעדן איינציגן טאג, און אזוי אויך צו נאך הייליגע קברי צדיקים.

אזוי אויך האב איך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אינעם קרית ברסלב בלעטל.

געלויבט דער אייבערשטער אז נאך די אלע תפילות האבן מיר זוכה געווען צו א לעכטיגע געזונטע מיידל בעיב', פארקערט פון וואס אלע דאקטוירים האבן אנגעשראקן.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. איך בין געגאנגען צו א חבר'ס חתונה, נאך די חתונה האב איך געזוכט א וועג, קיין איין באס האט זיך נישט אפגעשטעלט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל מיך געבן א היטש, און איינער האט זיך טאקע אפגעשטעלט.

2. כ'בין געווען אין ירושלים אויף אפאר טעג, ביים פארן צו די באס סטאנציע איז געווען א גרויסע טרעפיק איך האב מורא געהאט אז איך וועל פארפאסן דעם באס. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל כאפן דעם באס.

# מעשיות פון תפילה

בײם אנקומען צו די באס סטאנציע האבן מיר געזען ווי פיר באסעס מארשירן ארויס איינס נאכן צווייטן, מיר זענען שנעל נאכגעלאפן, אבער די ערשטע דרײ זענען אנטלאפן פאר אונזערע אויגן. מיט איין אטעם האב איך נאך געכאפט די פערטע באס, אבער דער דרייוועוער האט אונז געזאגט וויבאלד ער איז אינגאנצן ליידיג פארט ער נישט ארויס.

גלייך האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג, נאכן שטיין דארט א מינוט האט דער דרייוועור זיך אנגערופן אזוי ווי מיר האבן פארפאסט די באסעס גייט ער אונז נעמען צו נאכיאגן די אנדערע באסעס, ער וועט אונז אראפלייגן ביי די קומענדיגע סטאנציע נאך פאר יענע באסעס קומען דארט אן. אזא מעשה פאסירט איין מאל אין א יובל!!

שכח אייבערשטער!

3. כ'בין געגאנגען הפצה ביי הייזער. ביי איינע פון די הייזער איז געקומען צו לויפן א שרעקליכער הונט, און פלאי פלאים וועגן ער האט מיר געזען איז ער שטיל געווארן...

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך ווייטער גארנישט טון, איך בין צוגעגאנגען צום טיר, אריינגעקלאפט, מפיץ געווען, און דערנאך ארויס פון דארט. די הונט איז געווען ממש שטיל ווי א פיש.

אבער ווי נאר איך בין ארויס פון דארט האט ער אנגעהויבן שרייען אזעלכע קולות...

שכח אייבערשטער בשעת איך בין דארט געווען איז ער געזיצן שטיל מיט דרך ארץ.

## יואליש קרויס

ביתר

איין קנעפל פון מיין טעלעפאן האט אנגעהויבן נישט גוט צו ארבעטן, ס'האט נאר געארבעט אויב מען קוועטשט עס גאר שטארק.

קודם האב איך געטראכט וואס האב איך צו בעטן אויף דעם, עס איז שוין אפאר יאר אלט, און אזוי באלאנגט עס, א טעלעפאן נוצט זיך אויס, אדער פארערעכט עס אדער קויף א נייע, וואו קומט דא אריין צו בעטן אויף אזא זאך.

למעשה האב איך יא געבעטן דעם אייבערשטן אז עס שטערט מיך און איך קען עס נישט געהעריג נוצן.

וואונדער איבער וואונדער, נאך אפאר טעג פון נישט ארבעטן האט עס פשוט אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן געהעריג.

## שלום אלי' איינדיג

מאנטריאל

שכח אייברשטער פאר די ברית וואס איך האב זוכה געווען צו מאכן.

מיין טאטע האט זיך צוריק געיאגט כדי צו זיין ביי א חתונה אין וויליאמסבורג יענעם נאכט, איך האב געדארפט צאמשטעלן מנין זונטאג אינדערפרי צו מאכן די ברית אביסל פריער כדי מיין טאטע זאל קענען פארן אין צייט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן מנין אן קיין שוועריקייטן, שכח אייבערשטער ס'האט זיך געמאכט א שיינע מנין.

## יואל משה מייזעלס

קרית ברסלב

אזוי ווי עס קומט שוין יום טוב סוכות, און דא אין שטעטל האב איך ברוך השם א פארטש צו קענען בויען א סוכה פאר מיר.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן דאס יאר א נייע שיינע סוכה, און איך זאל עס קענען באצאלן.

שכח אייבערשטער אז איינער אין שטעטל האט ארויסגעלייגט אז ער האט צו פארקויפן גוטע ברעטער פאר גאר א ביליגע פרייז.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אריינפיטן אין די קאר, שכח אייבערשטער ס'האט פיין אריינגעפיט.

פנינים

# א גריס פון מחנה אילן החיים

שבת פרשת עקב, א וואך נאך שבת נחמו, איז דער ראש ישיבה געווען אויף א שבת אין מחנה אילן החיים. די געטרייע גבאים האבן געמאלדן ערב שבת אז דער זוהר שיעור וועט אם ירצה ה' פארקומען אום 8:40. צו די באשטימטע צייט האבן זיך אנשי שלומינו אראפגעזעצט אין וואלד, אונטער די ביימער, דארט וואו עס האט זיך געפונען די ישיבה קטנה א גאנצע וואך, און וואו דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם נייעם שיעור אין ליקוטי מוהר"ן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער פלאץ האט א גאר ספעציעלע תכונה, עס איז אלץ געשמאק און לופטיג דארט, אפילו ווען עס איז גאר הייס אינדרויסן, די זון באקט, איז אבער ביי דעם פלאץ זייער געשמאק און בא'טעמ'ט.

עס איז געווען א חיבה יתירה אז דער ראש ישיבה איז איבערגעגאנגען עטליכע פונקטן פון די באטע, אזוי האבן אפילו די וואס זענען נישט געווען ביי די באטע געקענט הערן כאטש אביסל וואס מען האט גערעדט ביי די באטע.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דעם שיעור מיט א דאנק פאר ר' ישעי' נרו יאיר, דער מענידזשער פון קאנטרי, ווי געשמאק און בא'טעמ'ט עס איז פאר אים און זיין ווייב צו זיין אין קאנטרי.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס פון דאס גרויסקייט און חשיבות פון יעדע ווארט וואס מ'זאגט ביים דאווענען. דער ראש ישיבה האט דערמאנט וואס מ'האט געשמועסט ביי די באטע איבער דאס גרויסקייט פון "ברכו את ה' המבורך", דאס איז בלויז געציילטע ווערטער, אבער עס האט אזא שטארקע כח, עס קען ארויסנעמען א טאטע'נס נשמה פון גיהנום.

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה וואס ווערט אראפגעברענגט אין אסאך פלעצער, אין חז"ל און אין די פריערדיגע ספרי מוסר, מיט פארשידענע שינוים, מיר וועלן אראפברענגען די מעשה לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר אור זרוע, הלכות שבת, סוף סימן נ.

דער הייליגער תנא רבי עקיבה (דער בעל אור זרוע שרייבט אז ער שרייבט רבי עקיבה מיטן אות ה', נישט מיט אן אלף) האט אמאל געזען א מענטש, אנע קליידער, וואס איז געווען שווארץ ווי א קויל און ער האט געטראגן אויפן קאפ א שווערע לאסט, א לאסט וואס צען מענטשן דארפן טראגן, און ער איז געלאפן אזוי געשווינד, ווי דאס געלויף פון א פערד. רבי עקיבה האט אים באפוילן ער זאל זיך אפשטעלן, און ער פרעגט דעם מענטש: "פארוואס ארבעטסטו אזוי ביטער שווער, אויב ביסטו א קנעכט און דיין האר געבט דיר אזא שווערע ארבעט - וועל איך דיך באפרייען פון דיין הער, און אויב ביסטו אן ארעמאן - וועל איך דיך רייך מאכן".

זאגט אים דער מענטש: "דער רבי זאל מיך ביטע נישט אויפהאלטן, ווייל אפשר וועלן די וואס זענען ממונה אויף מיר זיין ברוגז אויף מיר", האט אים רבי עקיבה געפרעגט: "וואס גייט דא פאר און וואס איז פשט פון די שווערע ארבעט?"

האט אים דער מענטש געענטפערט, אז ער איז נישט א לעבעדיגער מענטש, "יעדן טאג שיקט מען מיך האקן האלץ און מ'פארברענט מיך דערין".

האט אים רבי עקיבה געפרעגט וואס ער האט געטון אז ער האט באקומט אזא שטראף, האט ער געענטפערט אז ער איז געווען געשטעלט איינצומאנען שטייערן, ער איז געווען פון די הויפטן ביים פאלק, ער פלעגט פאַרקוקן פאר עשירים און הרג'ענען ארעמעלייט (אין מסכת כלה שטייט אז ער איז געווען א רויבער, און ער האט געטון גאר א הארבע עבירה אום יום כיפור).

האט אים רבי עקיבה געפרעגט אויב ער האט געהערט פון די ממונים צי ער האט נאך א תקנה, האט ער געענטפערט: "איך בעט דער רבי זאל מיך ביטע נישט אויפהאלטן, די וואס טוען מיר דעם עונש קענען ווערן ברוגז אויף מיר, איך האב נישט קיין תקנה, אבער איין זאך האב איך יא געהערט פון מיינע ממונים, אז אויב וואלט איך געהאט א קינד וואס וואלט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט 'ברכו את ה' המבורך' און די ציבור וואלט געענטפערט 'ברוך ה' המבורך לעולם ועד', אדער אויב ער וואלט געזאגט 'יתגדל' און מ'וואלט געענטפערט 'יהא שמיה רבא מברך' וואלט מען מיך גלייך אויפגעהערט צו שטראפן". און דער איד האט ווייטער געזאגט, אז ער האט איבערגעלאזט א קליין אינגעלע, אבער ער האט נישט ווער עס זאל אים לערנען תורה און עברי, ווייל ער האט נישט איבערגעלאזט קיין איין פריינט אויף דער וועלט.

הערנדיג דאס האט רבי עקיבה מקבל

יואל שניצלער

געווען אויף זיך אויפצוזוכן דאס קינד כדי ער זאל אים לערנען תורה און אים אריינברענגען אין שול זאגן ברכו. האט ער געפרעגט דעם איד: "ווי אזוי הייסטו?" האט ער געזאגט: 'עקיבא', "און ווי אזוי הייסט דיין ווייב?" האט ער געזאגט: 'שושניבא', "אין וועלכע שטאט וואוינען זיי?" האט ער געענטפערט: 'לודקיא'.

רבי עקיבה האט זיך זייער מצער געווען און ער איז געגאנגען צו יענע שטאט זיך נאכפרעגן אויף דעם מענטש. ווען ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי די מענטשן אויף דעם מענטש עקיבא האבן אים אלע געשאלטן, אויך זיין ווייב האט מען געשאלטן. ווען ער האט זיך נאכגעפרעגט אויפן קינד האט מען אים געזאגט אז ער האט ניטאמאל געהאט א ברית. דער הייליגער רבי עקיבה האט גענומען דאס קינד און אים געמאכט א ברית, ער האט געוואלט אנהויבן לערנען מיט אים א"ב אבער עס איז נישט געגאנגען. האט רבי עקיבה געפאסט פערציג תעניתים און עס איז ארויס א בת קול פון הימל: "רבי עקיבה, גיי לערן מיט אים תורה". האט רבי עקיבה געלערנט מיט אים תורה, קריאת שמע, שמונה עשרה און בענטשן, און ער האט אים געברענגט אין שול זאגן "ברכות את ה' המבורך" און דער ציבור האט געענטפערט "ברוך ה' המבורך לעולם ועד", און אזוי אויך "יתגדל" און "יהא שמיה רבא".

תיכף אויפן פלאץ האט מען אויפגעהערט שטראפן דעם מענטש עקיבא, און ער איז געקומען צו רבי עקיבה אין חלום, און ער האט אים געזאגט: "יהי רצון שתנוח דעתך אין גן עדן אויף דעם וואס דו האסט מיך געראטעוועט מדינה של גיהנום", האט רבי עקיבה זיך אנגערופן און געזאגט: "יהי שמך ה' לעולם, ה' זכרך לדור ודור".

די מעשה ווערט אויך אראפגעברענגט אין תנא דבי אליהו זוטא, פרק יז, און הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער זכר צדיק לברכה ברענגט דארט אין זיין פירוש "תוספות בן יחיאל" אן אינטערעסאנטע זאך, ער שטעלט זיך אויף דעם לשון וואס דער תנא דבי אליהו זאגט, "ומצאתי אדם אחד", זאגט ער אז די מעשה רעדט זיך פון א חשוב'ער מענטש, 'אדם אחד', א ספעציעלער מענטש, און ער דערציילט אז ער איז אמאל געווען אויף וועג פון חברון קיין ירושלים, ער האט געריטן אויף אן אייזל, און ער האט געזען אויף די זייט

> "ברכו את ה' המבורך" דאס איז בלויז געציילטע ווערטער, אבער עס האט אזא שטארקע כח, עס קען ארויסנעמען א טאטע'נס נשמה פון גיהנום.

פון די וועג ליגט די גוף פון א באוויסטער צדיק, וואס איז ביים לעבן אויך געווען ממונה אויף א געוויסע צדקה קאסע, און ער האט זיך זייער געוואונדערט ווי אזוי אזא צדיק זאל ליגן אזוי בבזיון, האט ער זיך דערמאנט פון די גמרא אין ביצה (כט.) אז די תקנה אויף גזל הרבים איז טון צרכי הרבים און מאכן פרשות דרכים, און מן הסתם איז דער צדיק נכשל געווארן דורכאויס זיין ארבעט מיט צדקה געלט, ווי אזוי צו צעטיילן דאס געלט, האט מען גוזר געווען אויף אים דאס צו מתקן זיין, אז ער דארף ליגן ביי א פרשת דרכים, אבער פארט האט ער זיך געוואונדערט אז א תלמיד חכם און יחסן זאל אזוי ליגן, האט ער זיך דערמאנט פון דעם חז"ל, אז דא רעדט מען אויך פון א חשוב'ער מענטש, אדם אחד, און אויבן אין הימל איז נישטא קיין משא פנים.

האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט דאס גרויסקייט פון פשטות יהדות, דאס גרויסקייט און שטארקע כח פון יעדעס ווארט תורה ותפילה, אז דאס קען ארויסשלעפן א נשמה פון גיהנום און אלע שטראפן, ווי מ'דארף זיך פרייען און שעפן חיות פון יעדע מצוה וואס מ'טוט.

ביים שיעור איז געזיצן א איד וואס זיין פאטער איז נישט לאנג צוריק פארדעם נפטר געווארן, ער האט זיך אנגערופן פאר דער ראש ישיבה אז ער האט געזען ערגעץ געזען שטיין אז הגם עס איז אנגענומען אז משניות איז 'די זאך' וואס א נשמה דארף האבן, אבער קדיש איז נאך גרעסער. דער ראש ישיבה האט דאס נישט אנגענומען, נאר געזאגט אז ווען מ'רעדט פון אן ענין איז 'דאס' דעמאלט די גרעסטע זאך, אזוי ווי ביי דאקטוירישע ספעציאליסטן, ביי יעדע ספעציאליסט איז זיין זאך דער עיקר זאך פונעם מענטש.

אזוי אויך זעט מען אין א בריוו אין קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תצא, ווי דער ראש ישיבה שרייבט: "דאס איז די גרעסטע זאך וואס א קינד קען טון פאר די נשמה פון זיין טאטן, לערנען יעדן טאג א פרק משניות פאר זיין נשמה".

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז די זעלבע זאך איז ביי עבודת ה', ווען מ'רעדט פון א בלאט גמרא איז 'דאס' די גרעסטע זאך, ווען מ'רעדט פון התבודדות איז 'דאס' די גרעסטע זאך, און אזוי ווייטער, אבער מ'דארף טון אלעס וואס מען הערט ביי די שיעורים.



# כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

א אפענע דאנק בריוו צו מיין טייערע ידיד מו"ה יוסף זינגער הי"ו וואס געבט זיך אוועק מיט די גאנצע הארץ און נשמה להצלחת כוללינו - לאור וואס ס'איז אדורך זעקס חדשים פון ווען ר' יוסף האט אנגעהויבן צו נעמען א ערנסטע ראלע אין די אקטיוויטעטן פון די הנהלת הכולל, און ס'איז ברוך השם געלונגען אנצוקומען צו די פאנטאסטישע סומע פון א פערטל מיליאן דאלאר אין בלויז זעקס חדשים.



טייערע יוסי איך רייב מיר די אויגן
אמת מיר טויגן?

צוויי הונדערט און פופציג אלפים!!!!!
מיר זענען בככל ניטש געשלאפן!

זעקס חדשים צוריק
כ'האב מיר געפרייט מיט די גליק

אז יוסי האט א שטארקע ווילן
די כולל קאסע אנצופילן

און אלעס לייגן אין קאמפיוטער קלאר
מ'זאל וויסן סוף יאר

וויפל געלט איז אריין אין באנק
פאר די קלארע חשבונות קומט דיר א גרויסן דאנק

אשריך וואיל איז דיר
הלואי וואלסטו געקומען עטליכע יאר פריער

לאמיר ווייטער ארבעטן פלייסיג
די כולל זאל צאלן צייטיג

דער אייבערשטער וועט דיר באצאלן פאר אלעס וואס דו טוסט
נחת און שמחות און אלעס גוטס!

ידידך משה ארי' שניטצלער
מנהל הכולל







*sruliHeskel



# בַּאהַאלְטְן דִי הִתְקַרְבוּת אוּן נִישְׁט פָאְרן קַיין אוּמַאן?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק מ"ט, מִכְתָּב ח'תתקצ"ד) שְׁרַייבְּט דָארְט מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, "וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל זְכוֹר מַאֲמָרָם ז"ל אֵין לְךָ יָפֶה מִן הַצְּנִיעוּת, שֶׁתַּסְתִּיר אֶת כָּל הִתְקָרְבוּתְךָ מִבְּנֵי אָדָם, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְעוֹרֵר עָלֶיךָ אֵיזוֹ מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם", אַז מֶען זָאל בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ בַּאהַאלְט אִיךְ מַיין הִתְקָרְבוּת פוּן מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיבּ פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער וִויסְן אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר?**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת דְּבָרִים,**
**ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה; מֶען קֶען פָאְרן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אָן קַיין רַעשׁ, אָן קַיין פִּרְסוּם, אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זִיךְ רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע. אַז מֶען רֵייצְט זִיךְ נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר מִיט קֵיינֶעם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת, קֵיינֶער חָלוֹם'ט נִיטְאַמָאל אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן - קֶען מֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל וִויסְן דֶערְפוּן.

אוֹיבּ וֶועט אֵיינֶער זָאגְן אַז עֶר לֶעבְּט אַ גַאנְץ יָאר בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת אוּן עֶס אִיז אִים נָאכְאַלְץ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן - אַזַא אֵיינֶער זָאל פָארְן אֲפִילוּ עֶס וֶועט וֶוערְן וָואס וֶועט וֶוערְן. דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מט, מִכְתָּב ח' תתקצד): "**וְהָעוֹלֶה עַל הַכֹּל זְכוֹר מַאֲמָרָם ז"ל אֵין לְךָ יָפֶה מִן הַצְּנִיעוּת, שֶׁתַּסְתִּיר אֶת כָּל הִתְקָרְבוּתְךָ מִבְּנֵי אָדָם, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּתְעוֹרֵר עָלֶיךָ אֵיזוֹ מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם**", דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן דַיין הִתְקָרְבוּת כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת; אוֹיף דִיר מֵיינְט נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל זַיין אַ מְנִיעָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל**", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה**", עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "**וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד**", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם; פְּרוּבִּיר וִוי מֶער אוֹיסְצוּמַיידְן מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# געדאנקען

# נאפאליען
## מיט שמאטע קעיק

היינט איז דאך א וועלט פון עדווייזערס און consultants, קאוטשעס און קאונסלערס, וועל איך בעזר השם פאר א קורצע וויילע אנטון מיין עדווייזער היטל און לאז דער עולם הנאה האבן.

איך וויל בארירן די זאך פון טיים מענעדזשמענט, גאנץ "קארפארעיט אמעריקע" פרעגט די זעלבע פראגע, פון "וואל סטריט" ביז "סיליקאן וועלי", פון די מילך פארעמס אין פענסילוועניע ביז די ווייץ פעלדער אין קענזעס, פון די קעז פאבריקן אין וויסקאנסין ביז די יוקאן דינאלי אסעמבלי ליין אין דיטרויט, אלע מענעדזשערס און עקזעקיוטיוו'ס ווילן וויסן וואס טוט מען מיט טיים מענעדזשמענט? ווי אזוי קען איך האבן מער צייט? ווי אזוי קען איך מאכן מיין צייט זאל האבן די מערסטע אפעקט, די מערסטע efficiency.

אין די וועלט פון ביזנעס איז דא א short answer און א long answer.

די קורצע ענטפער אויף טיים מענעדזמענט איז "ווי מער מ'טוט האט מען מער צייט" די לאנגע ענטפער איז אזוי, ווילאנג דו גייסט מאכן זיבעציג חקירות און דרישות ווי אזוי צו מאכן דיין צייט מער valuable, קודם "טו עפעס יעצט", גיי ארויס פון עולם ה'טעאריע, און גיי אריין אין עולם המעשה, וועגן דעם הייסן די זעקס טעג פון די וואך "ששת ימי המעשה" און נישט ששת ימי ה'טעאריע. דו טוסט יעצט עפעס? אדער דו חקרן'סט ארום אין ספעיס אז מ'גייט איינמאל פאר אלעמאל מאכן א "געהעריגע" סדר היום...

ס'איז די זעלבע זאך אין אידישקייט, די זעלבע זאך אין ביזנעס, די זעלבע זאך אין חינוך הבנים, און די זעלבע זאך אין שלום בית.

מאך נישט סדר איינמאל פאר אלעמאל, טו יעצט איין קליינע גוטע זאך, דאס וועט דיך ראטעווען, דאס וועט זיין דיין "איינמאל פאר אלעמאל סדר", נאך א קליינע זאך און נאך א קליינע זאך, על פי רוב וועסטו קוקן אויף צוריק און זען אז



## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

די קליינע גוטע זאכן איז דיין גאנצע ריוח, און דיין פרובירן צו מאכן סדר איינמאל פאר אלעמאל איז א פאסטקע צו פארלירן שעות טעג און וואכן.

אז מ'קוקט אריין אין ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן פ"ב זעט מען אז די גאנצע זאכן וואס א מענטש כאפט נישט ווי אזוי צו "מאכן סדר" איז ווייל ער האט פארגעסן פון דעם אייבערשטן. זאגט דער רבי דארט וואס איז די עצה? די עצה איז "יעשה תשובה" מ'טוט תשובה, מ'זאגט "הייליגער באשעפער איך קום צוריק צו דיר, איך וויל זיך דערמאנען אין דיר, העלף מיר באשעפער איך זאל געדענקען אז איך בין א קליינע מורישקע אין די גרויסע שיינע וועלט וואס דער גרויסער באשעפער האט געמאכט, העלף מיר אייבערשטער איך זאל נישט טראכטן א גאנצן טאג פון "איך" "זיך" "מיך". "איך האב געהייסן" "איך האב באפוילן", העלף מיר אייבערשטער איך זאל געדענקען אז איך בין אין דיינע הענט ווי א קליין בעיבעלע פון דריי טעג אלט, קיינער קומט מיר גארנישט, אלעס וואס איך האב איז א מתנה פון דעם אייבערשטן".

אז א מענטש קומט כסדר צוריק צום אייבערשטן האט ער א געבענטשטע טאג.

פונקט אזוי ווי ביי געלט, ס'איז דא מענטשן וואס האבן א ברכה אין די געלט, און ס'איז דא מענטשן פארקערט, לעכעריגע הענט, אלעס גייט קאפויער.

> אין כאן לא תורה, ולא תפלה, ולא חינוך הבנים, ולא שלום בית, אבל יש כאן עשרת אלפים ככר כסף של חובות, ושל קרעדיט קארדס, ועוד הרבה קאנסאלטינג, ו'קאוטשעס, ו'עדווייזערס.

ראובן מיט שמעון,ביידע נעמען א מיליאן דאלער און עפענען א סופערמארקעט, ראובן ווערט א עושר אדיר און שמעון ווערט א בעל חוב, א עני ואביון מגוזלו. די זעלבע זאך איז מיט "צייט", מיט "טיים מענעדזשמענט", ראובן מיט שמעון, איינער זעט זיך סוף טאג, נישט געדאוונט, נישט געלערנט, נישט געמאכט קיין געלט, נישט גערעדט מיט די קינדער, נישט גערעדט מיט די ווייב, נישט קיין לייב נישט קיין לעבן, אין כאן לא תורה ולא תפלה ולא חינוך הבנים ולא שלום בית, אבל יש כאן עשרת אלפים ככר כסף של חובות ושל קרעדיט קארדס ועוד הרבה קאנסאלטינג ו'קאוטשעס ו'עדווייזערס.

א מענטש וואס לעבט מיט א צדיק האט א ברכה אין די צייט, ביי א צדיק איז דא די בעסטע טיים מענעדזשמענט. אויפשטיין, מודה אני, נעגל וואסער, א תפלה צום אייבערשטן, באשעפער געב מיר א שיינע טאג, היינט גיי איך זיין "אביסל" פרייליך, היינט גיי איך רעדן שיין צו כאטשיג צוויי מענטשן, מקוה, שחרית, א דף גמרא, א פרק משניות, א גוט ווארט פאר די קאווע גבאי, פאר די מקוה איד, ניין אזייגער אין ארבעט, באשעפער געב'זשע מיר א ברכה אין מיין ארבעט, איך בין גארנישט אן דעם אייבערשטן, מיט דעם אייבערשטן בין איך די מעכטיגסטע וואס איז דא אין די וועלט, מיט דעם אייבערשטן קען איך אלעס!

נאכמיטאג א מנחה, די ווייב רופט אריין, א שיין שמועסעלע, פארגינען א גוט ווארט, סוף טאג גייט מען א היים מיט א תפלה אויף די ליפן, הייליגער באשעפער העלף מיר ס'זאל זיין פרייליך אין שטוב, אן תפלה בין איך א דערנאך'ער, א gone'ער, אן תפלה בין איך toasted, לאחר יאוש, מיט א קליין תפלה'לע גיי איך אלעס איבערדרייען.

נאכטמאל, נאך א טראפעלע גמרא, א קליין שיין שמועסעלע אויפ'ן קאוטש איבער א זעקל פאפקארן אויסהערנדיג די ווייב'ס מעשה אז די קליניג לעידי איז צום סוף יא אנגעקומען. נאך א טראפעלע גמרא, א שפאציר ביי די קארן טשיפס שאפע, קינוח סעודה, צוויי שורות פון ירושלמי, שולחן ערוך, רמב"ם, מדרש רבה, זוהר הקדוש, תיקוני זוהר, א קליין שטיקעלע אור החיים הקדוש, רמב"ן הקדוש, דברי יואל, ישמח משה, מעריב, צען פופצן מינוט שמועסן מיט די חברותא, אהיימברענגען פאר די ווייב א נאפאליען מיט א שטיקל שמאטע קעיק, און מארגן שטייט מען אויף מיט פרישע כוחות צו נאך אכצן שעה פון ברסלב'ע טיים מענעדזשמענט.

# א מעשה
## פון א צדיק



# אַ טאַנְץ אִין גַאז קַאמֶער

ראֹשׁ הַשָּׁנָה תרע"ז בַּיים קִיבּוּץ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין שְׁטָאט אוּמַאן זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וַוייל אִין דִי יָארְן פוּן תרע"ו אוּן תרע"ז אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אוּן דָארְט אִין רוּסְלַאנְד זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן נֶעבֶּעךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען יוּנְגֶע מֶענֶער אוּן בָּחוּרִים צוּם מִילִיטֶער.

אוֹיךְ אִין שְׁטָאט טְשֶׁעהִרִין הָאט דִי רֶעגִירוּנְג צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן דִי עֲשִׁירִים זֵייעֶר גֶעלְט, אוּן דָארְט הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אַסַאךְ גְּבִירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, בְּמֵילָא הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁטַארְקֶע צֶעבְּרָאכְנְקֵייט.

נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁטַארְק אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן טַאנְצְן, עֶר הָאט זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ צוּ טַאנְצְן נָאךְ מֶער וִוי גֶעוֶוענְטְלִיךְ, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ טַאקֶע צוּגֶעהֶערְט צוּ אִים אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן מִיט אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שִׂמְחָה.

פַאר גֶעוִויסֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט טְשֶׁעהִרִין הָאט דָאס שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוּן מוֹחֶה זַיין, זָאגְנְדִיג: "וִוי קֶען מֶען טַאנְצְן אִין אַ צַייט וָואס מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען פוּן אוּנְז אוּנְזֶער גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן זֶענֶען יֶעצְט אוֹיפְן פְרָאנְט וִוי עֶס וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט אַזוֹיפִיל אִידְן" אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט וַוייטֶער מְעוֹרֵר גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט וִוי עֶנְק זָאגְן, אוֹיבּ אִיז יֶעצְט דָא אַזוֹיפִיל דִינִים אוֹיפְן וֶועלְט דַארְף מֶען טַאנְצְן מֶער אוּן מֶער, בִּפְרַט דָא אִין אוּמַאן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "גָאר מַיין זַאךְ אִיז ראֹשׁ הַשָּׁנָה" דַארְף מֶען טַאנְצְן צוּ מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "עַל יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף מַמְתִּיקִים אֶת הַדִּינִים" - דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן קְלַאפְּן אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים."

הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּגֶעלֵייגְט דָאס וָואס דֶער בְּלָאזוֹבֶ'עֶר רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם.

עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע קְבוּצָה פוּן אִידְן וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אַרַיינְצוּגֵיין צוּ דִי גַאז קַאמֶערְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי אִידְן זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען מְיוּאָשׁ, מֶען הָאט נָאר גֶעוַוארְט אוֹיף אֵיין זַאךְ אַז מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אַרַיינְצוּגֵיין. עֶס אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סוֹד, אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט וָואס עֶס וַוארְט זֵיי אוּן וואוּ זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צֶעבְּרָאכְן אוּן בְּעַצְבוּת.

פְלוּצְלִינְג רוּפְט זִיךְ אָן אַ אִיד הוֹיךְ: "רַבּוֹתַי, מִיר דַארְפְן אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אַז מִיר גֵייעֶן מְקַיֵּים זַיין אַ זֶעלְטֶענֶע מִצְוָה פוּן גֶע'הַרְגְ'עֶט וֶוערְן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אִיז פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין צֶעבְּרָאכְן, עֶס וֶועט אוּנְז מִמֵּילָא נִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין דָא דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אוֹיף אוּנְז בְּלַייבְּט אֵיין זַאךְ צוּ טוּן, צוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן." אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ טַאקֶע גֶענוּמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען.

הָאט דֶער בְּלָאזוֹבֶ'עֶר רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער וִוי פְלוּצְלִינְג הָאבְּן אַלֶע בַּאקוּמֶען כֹּחַ, אוּן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

אַזוֹי טַאנְצֶעדִיג עֶפֶענְט זִיךְ דִי טִיר אוּן דִי רוֹצְחִים דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, גֶעבְּן אוּנְז אַ קוּקְן אָן מִיט אַ כַּעַס, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען טֵיילְן מַכּוֹת רֶצַח, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען שֶׁעלְטְן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קְלָלוֹת. אַזוֹי אִינְמִיטְן זִיךְ רֶעגְן הָאט דֶער הוֹיפְּט קָאמַאנְדִיר בַּאפוֹילְן מִיר זָאלְן אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין אוּן זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן, שְׁרֵייעֶנְדִיג מִיט אַ רְצִיחָה: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן, עֶנְק גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל שְׁטַארְבְּן, מִיר וֶועל עֶנְק נָאךְ פַּיינִיגְן אוּן רוֹדְפְ'ן."

אִינְצְוִוישְׁן דִי גַאנְצֶע גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, אִיז גֶעקוּמֶען צוּפְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס פוּן דִי אַמֶערִיקַאנֶע עֶרָאפְּלַאנֶען, אוּן אַלֶע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען אַנְטְלָאפְן זִיךְ צוּ טְרֶעפְן שִׁיץ , אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִינְדְרוֹיסְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְוִוישְׁן דִי בִּנְיָנִים. צוּם סוֹף הָאבְּן דִי אַמֶערִיקַאנֶע אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם פְּלַאץ אוּן זֵיי גֶעקוּמֶען רַאטֶעוֶוען. אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. דִי שִׂמְחָה הָאט זֵיי פָּשׁוּט אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

(שיחות מוהרא"ש חלק א', ערך ריקודים)



ציון רבינו פארן קריג



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



צ'

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים קוּמֶען אָן צוּם הֵייליגְן רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט זֵיי דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְן גֶעהֶערְט דָארְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אַז דִי זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זֵיי הָאבְן פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דָארְט בְּלַייבְן פַאר גַאנְצֶע אַכְט טֶעג בִּיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב.

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵייליגְן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ מִיר אַ לַמְדָן, מִיט אַ גוּטְן שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט עֶרְקְלֶערְן אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אַזוֹי פָּשׁוּט אַז אֲפִילוּ קִינְדֶער זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַלֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל!"

נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, "בָּרוּךְ ה', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט אַ אִינְגֶערְמַאן, אַז אֲפִילוּ אֵיין דִיבּוּר פוּן מַיינֶע רֵייד וֶועט מֶער נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין".

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט אַהֵיימְגֶעפָארְן, הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶערֶעדְט מִיט זַיין טָאכְטֶער אָדְל, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַז יֶעצְט אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אִים אֵיינֶער מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט, "וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן אִיבֶּער זַיין קְלוּגְשַׁאפְט? וֶוען עֶר גֶעבְּט בְּלוֹיז אַ בְּלִיק אוֹיף דִי שׁוּל" - אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף דִי שׁוּל - "וֶועט עֶר דִיר זָאגְן וִויפִיל אַמוֹת עֶס אִיז הוֹיךְ".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט מִיט ר' יִצְחָק, דֶער אֵיידֶעם פוּנֶעם טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד זי"ע, אוּן הָאט זֵייעֶר אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְּן רֶבִּי נָתָן, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַז דוּ זָאלְסְט אִים אָנְקוּקְן, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע".

[אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען, וֶוען ר' יִצְחָק הָאט בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי נָתָן אוֹיפְ'ן גַאס, וִוי עֶר גֵייט מִיט גְרוֹיס זְרִיזוּת, אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער וִוי אַן עוֹשֶׁר'ס אַ קִינְד, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרִיעֶר גֶעזֶען, הָאט עֶר גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט, אַז עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, וִוי אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע].

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט רֶבִּי נָתָן פַאר נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין. אוּן וֶוען עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט מֶען אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְט. אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין חַבֶר, "אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ מִיר קוֹיפְן בֵּייגְל? אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג", הָאט דֶער חַבֶר צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ קֶען יֶעצְט נִישְׁט גֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ", אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶערוּפְן, "גֶעבּ מִיר דָאס גֶעלְט אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֵיין קוֹיפְן!", הָאט מֶען דַאן גֶעזֶען זַיין גְרוֹיס עֲנִיווּת, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ גָארְנִישְׁט.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט זַיין טַאטֶע זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר אִיז סְתַּם אַזוֹי גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיף חֲסִידִים בִּכְלַל, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי חֲסִידִים פוּן הֵייליגְן רֶבִּי'ן, וֶועמֶען מְ'פְלֶעגְט רוּפְן "דִי וִידוּי'נִיקֶעס", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט בַּיים עוֹלָם.

עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג בֵּייז אוֹיף רֶבִּי נָתָן.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# איך בין מחויב צו ליידן?!

נו "יעדער לייגט אראפ די קאפ" שטורעמט ער אריין אין קלאס, האלטנדיג א אויסגעגאסענע קאפי אין איין האנט, ווייזנדיג מיט די צווייטע האנט יעדער זאל אראפלייגן דעם קאפ.

מיר קוקן אים אן צומישטערהייט, עפעס א טריק האט ער וואס ער וויל מיט דעם איינעם כאפן... דער מנהל איז באקאנט אלס גאר א כיטערער סוחר. דער עולם קוקט זיך אן איינער דעם צווייטן, זאל מען יא אראפלייגן די קאפ, זאל מען נישט?! ס'קען זיך ענדיגן זייער ביטער אויב טוט מען דאס נישט ריכטיגע...

דער מנהל זעט אז קיינער רוקט זיך נישט פון ארט, זאגט ער מיט א מער ווייכע טאן "איך מיין עס אמת'דיג, לייגט אראפ ענקערע קעפ, איך וויל ענק עפעס ווייזן."

ס'איז נישט יעדן טאג וואס דער מנהל קומט אריין אינמיטן סדר אין כתה ט' אין שיעור צימער און הייסט יעדן אראפלייגן דעם קאפ גיין שלאפן, ס'איז עפעס גאר מאדנע...

דער עולם האט געכאפט די אפפערטונעטי, מ'קען זיך אביסל אראפלייגן דעם קאפ אויפן גרויסן רויטן גיטין גמרא כאפן א דרימל וואס וועט זיך מיטן אייבערשטן'ס הילף נישט ענדיגן מיט ציפעס און פליקעס...

א צען פופצן מינוט גייט פאריבער, דער מנהל עפנט אויף די לייטס, פאטשט מיט זיין הענט: "די גוטע צייטן זענען אריבער, יעדער זעצט זיך צוריק אויף." דער מנהל האט א וויו פון א גאנצע כיתה פון צוויי און צוואנציג בחורים מיט א גרויסע רויטע כולל פלעק אויפן שטערן...

יעדער איז שטיל, קיינער ווייסט נישט וואס קומט נעקסט...

"אהא!!!" געבט דער מנהל ענדליך א שריי אויס... אזש ס'געווען פחדים... "ביי לאנטש האב איך יעדן טאג א שורה אינדרויסן פון מיין אפיס, ווייל מעכל קען נישט שלאפן אין איין שטוב מיט ברוך, און חיים וועט אפילו נישט הערן וועגן זיין אין איין צימער מיט משה זאב, און דא האסטו נחום ער פארפירט ער קען נישט מיט יוסל אין איין שטוב שלאפן אין קעמפ בשום פנים ואופן!!! ער גייט פשוט נישט קענען שלאפן...

איך האב באמת נישט געוואוסט וואס צו טון, מ'קען נישט גיין אין קעמפ און די בחורים וועלן זיין אויף יעדע נאכט פאר אכט וואכן אין א צי ווייל זיי קענען פשוט נישט שלאפן... איך האב נאר געוואלט מאכן זיכער אז יעדער קען מיט יעדן שלאפן אין איין שטוב... ברוך השם יעדער איז פיין געשלאפן."

"איך וועל מאכן די שטובער פאר קעמפ" - פירט ער אויס - "יעצט קען יעדער צוריק גיין לערנען און מ'דארף שוין גארנישט מורא האבן אז מ'וועט נישט קענען שלאפן..."

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין סעודת ראש חודש אלול ביים ראש ישיבה אין שטוב, ס'איז געווען זייער א שיינע סעודה מיט פולע שיינע שמועסן און שיחות.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געשמועסט וועגן חינוך "ווער דארף נאכגעבן?" און די זעלבע איז ביי שלום בית אדער סיי וועלכע סוכסוך מיט וועמען ס'זאל נאר נישט זיין - ווער דארף נאכגעבן?

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז ס'איז נישט אזא זאך איינער איז גערעכט, אלעמאל איז דא צוויי צדדים, איז פאר וועמען איז ריכטיג צו הייסן נאכגעבן?

נאר מ'דארף קוקן ווער ס'איז בגדלות המוחין, ווער עס קען דערהייבן, דער דארף נאכגעבן פאר דער וואס איז מער בקטנות המוחין און וועט נישט קענען דערהייבן צו זיין דער מוותר.

האט איינער פון די אנוועזנדע געפרעגט "וואס טוט מען למשל ביי קינדער ווי ס'איז דא אן עלטערער ברידער וואס ער איז על פי רוב מער בגדלות המוחין פון דער אינגערער ברידער, קומט אויס אז אייביג מוז ער נאכגעבן... פארוואס איז ריכטיג אז דער עלטערער זאל אייביג ליידן?"

האט דער ראש ישיבה געענטפערט מיט א מעשה וואס דער ראש ישיבה האט אליינס געהאט אין די ערשטע יארן: ס'איז געווען א בחור וואס האט געהאט אן אויסטערלישע ברייטע הארץ, ער איז געווען גאר א גוט קינד זייער א לייכטע נאטור און אלץ ווען עפעס איז געווען אין כתה פלעגט ער זיין דער מוותר, ער האט אייביג נאכגעגעבן פאר יענעם.

איינמאל פאר די זומער - פאר מ'פארט אין קעמפ האט זיך אנגעהויבן א גאנצע פרשה מיט וועמען שלאף איך ווער שלאפט אויבן, און ווער שלאפט אונטן,

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



ווער האט א פענסטער און ווער האט א טיר...

נאך אלע פאראאנדלונגען איז אויסגעקומען אז דער בחור דער מוותר האט טאקע באקומען די בעט וואס איז נישט אויבן און נישט אונטן, נישט ביים פענסטער און נישט ביים טיר, נישט נעבן די לייט און נישט נעבן די עיר קאנדישן, עפעס אזוי נישט אהער און נישט אהין...

דער בחור איז געווען זייער אן איידעלער, איז ער מיט דרך ארץ צוגעגאנגען צום ראש ישיבה פרעגן פארוואס ער מוז עפעס אייביג ליידן? ווייל איך האב א גוט הארץ מוז איך אייביג האבן די ערגסטע?

האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר אונז "די שאלה האט מיר געכאפט, איך האב נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן...." דער ראש ישיבה האט אים געזאגט "געמיר א שטיק צייט צו ענטפערן."

"איך בין געגאנגען מאכן התבודדות" פארציילט דער ראש ישיבה, "וואס זאג איך אים, ער האט דאך א ריכטיגער טענה, פארוואס מוז ער ליידן?"

נאכן זיך מתבודד זיין רופט דער ראש ישיבה צו דעם בחור'ל און פרעגט אים "זאג מיר דעם אמת, דיר שטערט צו שלאפן אויף דעם בעט דארט וואס איז נישט אהין און נישט אהער?"

"דעם אמת?! ניין! ס'שטערט מיר בכלל נישט צו שלאפן אויף יענעם בעט..."

דאס איז די תשובה, דו ליידסט נישט! יענער נעבעך ליידט, ער מיינט אז אויב וועט ער נישט האבן די אויבן אדער די אונטן איז אויס וועלט, ער ליידט נעבעך מוז מען אים לייגן אויף א פלאץ וואו ער וועט נישט ליידן, דיר לייגט מען אויך אויף א פלאץ אז דו זאלסט נישט ליידן!

דאס איז א מורא'דיגע לימוד אויפן לעבן, סיי דו זעסט ווי יענער מוטשעט זיך און דו טראכסט ביי דיר ביג דיל... זיי נישט דן יענעם, געדענק נאר צו דאנקען דעם אייבערשטן אז דו ליידסט נישט, פאר דיר איז גרינגער צו טון וואס פאר יענעם קוקט אויס אוממעגליך.

און זיכער אויף זיך אליין, א מענטש טראכט פון זיין מצב, איך לייד אן אויפהער, דאס איז נישט מסודר און יענץ גייט בכלל נישט ווי אזוי איך האב געוואלט, ס'איז געפערלעך איך לייד..

ווער האט דיר איינגערעדט אז אויב האסטו נישט דיין קאפי מיט טשאקאלאד על הבוקר ליידסטו?

ווער האט דיר געזאגט אז אויב זענען די פארקינג פלעצער גראד ביים טיר פון שול שוין פארנומען ביסטו שוין א געליטענער?

וואס פאלט דיר איין אז אויב פעלט באבאגאנוש ביי די סעודה ווערט אויס סעודה ווייל דו ליידסט?

פאר איינעם איז דאס וואס ער האט עולם הבא, ס'איז ממש א מחי', און דער צווייטער האט ממש דעם גיהנום אויף דיר וועלט, ער ליידט... ער ליידט טאקע.

יעצט דא אין די ליידיגע שורה שרייב דיר אריין דיינע משוגעת'ן וואס ביי דיר איז דאס ממש דו ליידסט, און לאך פון דיר אליינס "דאס הייסט ליידן? איך האב דאך א חיים טובים!"

טויש אביסל דיין מח, דאנק דעם אייבערשטן אויף אלעס גוטס וואס ער געבט דיר, וועט עס נישט זיין קיין ליידן, ס'וועט דיר בכלל נישט שטערן.

די בעט וואס פאר יענעם איז ליידן, איז פארן צווייטן א זיסע נאכט שלאף, ס'פעלט אים גארנישט, ער האט א פיינע בעט, ער ליידט גארנישט.

מאך דיר א תפילה צום אייבערשטן זאלסט קענען ארויסקריכן פון דיין קטנות הדעת און קענען ענדשויען און הנאה האבן פון דיין זיסע לעבן אנשטאט ליידן.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צו א צדיק וואס געבט אונז לעכטיגע זיסע עצות אויפן לעבן ווי אזוי צו קענען לעבן א חיים טובים בזה העולם, לעבן מיטן באשעפער, און וויסן אז אלעס איז נאר דער אייבערשטער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**

# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

**מ"ב.** ווען מען צינדט לעכט זאגט מען די ברכה להדליק נר של שבת, סיי א מאן און סיי א פרוי.[61]

**מ"ג.** תקנת חכמים אז ווען מען זאגט די ברכה אויף די לעכט איז מען מקבל שבת, [62] [דאס הייסט אז מען טאר שוין נישט טון נאכדעם קיין מלאכה] ממילא זאגט מען די ברכה נאכן צינדן, אנדערש ווי ביי אנדערע מצוות וואס מען זאגט די ברכה פארן טון די מצוה

**מ"ד.** אבער דאך וויל מען די ברכה זאל זיין פארן טון די מצוה אזוי ווי ביי אלע אנדערע מצוות, וועגן דעם גלייך נאכן צינדן [63] דעקט זיך די פרוי צו איר אויגן, כדי אז זי זאל נאכנישט הנאה האבן פון די לעכט, ביז ערשט נאך די ברכה, אזוי הייסט עס נאך פאר די מצוה. [64]

**מ"ה.** ווילאנג מ'צינדט און מ'קוקט אויף די לעכט הייסט עס נישט הנאה געהאט פון די לעכט, און ס'איז נאך א חלק פון די מצוה. [65]

**מ"ו.** מ'פירט זיך אז פאר מען לייגט די הענט אויף די אויגן, דרייט מען מיט די הענט ארום די לעכט. [66]

**מ"ז.** טאמער האט א פרוי יא געזאגט בטעות די ברכה פארן צינדן, קען זי נאך אלס צינדן. [70]

**מ"ח.** יום טוב אפילו ווען מ'איז שוין מקבל יום טוב, מעג מען ווייטער צינדען לעכט, דעריבער זאגט מען יום טוב די ברכה פארן צינדן. [67]

**מ"ט.** אבער ווען א מאן צינדט זאגט ער אלץ די ברכה פארן צינדען [אפילו שבת]. [68]

**נ'.** ביי אלע ימים טובים (אויך ראש השנה און יום כיפור) זאגן די פרויען ביי לעכט בענטשן די ברכה פון שהחיינו, חוץ שביעי און אחרון של פסח. [69]

**נ"א.** א כלה וואס צינדט דאס ערשטע מאל שבת לעכט מאכן זיי נישט קיין שהחיינו, אבער ס'איז גוט אז זי זאל אנטון א נייע חשובע קלייד אויף וואס מען קען אויף דעם זאגן א שהחיינו, און דאס וועט ארויפגיין אויף די לעכט אויך. [71]

**נ"ב.** די זעלבע זאך איז ווען א מאן צינדט דאס ערשטע מאל אליין.

## מקורות והערות

61) **אפילו מ'צינדט מערערע לעכט זאגט מען עס מיט א לשון יחיד, להדליק 'נר' (מ"ב ס"ק כ"ב - בשם הפרמ"ג) ווייל דער עיקר מצוה איז נאר איין ליכט.** ואינו דומה לטבילת כלים דאיתא בשו"ע יו"ד סי' ק"כ סעי' ג': יברך על טבילת 'כלי' ואם הם ב' או יותר יברך על טבילת 'כלים' כי שם יכול לעשות יותר ממצוה אחת, דהיינו לטבול הרבה כלים ביחד, ופשוט הוא!

62) עי' בהג' רעק"א דשואל למה הברכה הוי יותר קבלת שבת משמדליקין, דהיינו דד' בה"ג דקבלת שבת הוי בהדלקה כדאיתא בסעי' י', ואעפי"כ מותר להדליק שאר נירות - אחר הדלקת נר א' דהוי עיקר מצוה, לענ"ד י"ל דתקנה היה על מילת 'שבת' - כדאיתא בפוסקים דאשה יצא יד"ח קידוש דאורייתא ע"י אחילת 'גוט שבת

63) כן איתא בתניא סעי' ח': שיפרשו הנשים 'מיד' אחר הדלקה בלי שום שיהוי **ווייל אויב מ'וועט נישט צו דעקן גלייך די אויגן וועט מען הנאה האבן פון די לעכט.**

64) הכל ברמ"א סעי' ה'.

65) **דאס נעמט זיך ווייל אין די רמ"א שטייט אז מ'זאל צודעקן די לעכט, כדי מ'זאל נישט הנאה האבן פון די לעכט, די רמ"א האט גערעדט ווען מען צינדט איין אדער צוויי לעכט, אבער היות מיר צינדן דאך אסאך לעכט איז נישט מעגליך צו צודעקן אלע לעכט, מילא דעקט מען צו די אויגן, אבער כדי צו פאלגן וואס ס'שטייט אין די רמ"א דעקט מען צו אביסל פון די לעכט, אביסל דא אביסל דארט, וועגן דעם דרייט מען מיט די הענט ארום די לעכט.**

67) במג"א סקי"ב מובא בשם אם הדריש, דביו"ט מברכין לפני הדלקה, אבל מג"א מסיים אין חכמה לנשים - ומסיק דלא כמותה, אבל הרבה גדולי האחרונים פסקי כמותה ואלו הן: נודע ביחודה בהג' שו"ע - אאז"ק חתם סופר זצוק"ל בהג' בשו"ע - הג' רעק"א חיי אדם ב' ה' סעי' י"א מ"ב סקכ"ז: וכן נהגו העולם

68) כ"כ בביאור הלכה ד"ה הדלקה: **וויבאלד א מאן ווען ער צינדט איז ער נישט מקבל שבת כמבואר במ"ב סקמ"ב.**

69) עי' באחרונים - מ"ב סקכ"ג, שערי תשובה סק"י, והאריך בשאילת יעב"ץ, ותמהו על המנהג שנהגו הנשים לברך שהחיינו - ובסוף מסיים: אבל חשש ברכה לבטלה אין כאן לענ"ד כ"א רוצה שלא לצאת יד"ח ברכת הזמן ע"י בעלה מי ימחה בידה לברך לעצמה וכו' ע"כ אמרתי לעצמי הנח להן מנהגן שהוא ירושה להן מאבותיהן ועשו כן בפני גדולי עולם

70) דלא גרע ממי שקיבל שבת בטעות דאינו קבלה כמו שמבאר בב"ה סעי' י"ד ד"ה אסורים.

71) נציע בקיצור גמור יסוד הדבר : רמ"א (יו"ד סי' כ"ח סעיף ב') מי ששחט פעם ראשונה מברך שהחיינו על הכיסוי: טו"ז או"ח סי' כ"ב סק"א למד דכן הוא בכל המצוות דפעם ראשונה שעושים מצוה מברכין שהחיינו

ש"ך יו"ד סק"ה - חולק על רמ"א וסובר דלא תיקנו שהחיינו אלא על מצוה שיש בה שמחה, וכ"כ בפר"ח סק"ה. וכן המחלוקת לגבי הנחת תפילין לנער בר מצוה פעם ראשונה, וכ' בב"ה סי' כ"ב ד"ה קנה

מהנכון שיכניס עצמו להתחייב שהחיינו מצד אחר {דהיינו ללבוש בגד חדש} וה"ה כאן לענינינו

# א מלאך אין שטוב

ש. טראכטער

איין אינדערפרי
נאך א לאנגע נאכט
בין איך געזעצן מיט מיין קאווע
און צו זיך געטראכט

הלוואי- וואלט איך געקענט
האבן א מלאך אין הויז
און מיט א צויבער שטעקלע
מסדר זיין אלעס - קליין און גרויס

**א מלאך...**
וואס וועט די וועש צאמלייגן
וואס וועט אלץ פון די ערד אויפהייבן
איך זאל זיך נישט דארפן בייגן

**א מלאך...**
וואס וועט אויפרוימען ציכטיג און ריין
אלעס זאל שפיגלען
ווען די קינדער קומען אריין

**א מלאך...**
וואס טוט אלעס
און מאכט לכבוד שבת
פרישע פיינע חלות

**א מלאך...**
וואס קאכט יעדע נאכט פריש
פיינע נארהאפטיגע מאלצייטן
צו לייגן אויפ'ן טיש

**א מלאך...**
וואס טוט די קינדער נאכמיטאג
פארשפילן
אז זיי זאלן זיך נישט קריגן
און טרעטן אויף דעם צווייטנס געפילן

**א מלאך...**
וואס שטייט געטריי
און פיטערט יעדע לעפל
און געט זיך אפ מיט זיי...

**א מלאך...**
וואס טוט זיי לייגן און בעט
ליינט מיט זיי קריאת שמע
געט א ליבלעך גלעט

**א מלאך...**
וואס מאכט ווידער זויבער
ביז די הויז גלאנצט
מיט א ספעציעלע צויבער

און דאן האב זיך אויפגעוועקט פון דמיון
צוריק אויף די וואך
איך בין אריבער א שפיגל... איך קוק און
שטוין
**איך מיין איך בין א מלאך!!**





ש.ל. פליישמאן

# שיינער אין גקאמען

צו הערן די
גאנצע שיעור
רופט

212-444-9169
1-2

(א״י 079-70-
400-69)

## א קלאפ אין פינגער
### א גריס פון הימל

געקומען בין איך צו א שיעור,
זיך נאכאמאל דערמאנען,
אויפפרישן אין מיר.
א באשעפער עס איז פארהאנען!

* אין אדם נוקף אצבעו מלמטה...
בעפאר א פינגער קלאפ, א קליינע ריר,
אין הימל רופט אויס אונזער טאטע.
א מעלדונג ספעציעל אויף דיר!

ווען דיין שכנה זאגט דיר עפעס נישט געשמאק:
אז דו קענסט א שטוב נישט פירן,
האט מען אין הימל פארדעם געזאגט דעם פסק.
פונקטליך אזוי וועט צו דיר פאסירן.

ווען אלעס גייט דיר פונקט פארקערט,
נאכטמאל פארברענט: וואנע איבערגעריננען,
ווען דו וואלסט נאר ווען געהערט.
ווי אין הימל מען האט דיר אינזינען...

ווען דיין קינד מיט מאראסט קומט אריין,
באדעקט פון קאפ ביז פיס,
איז עס געווען דעם אייבערשטן'ס פלאן:
פון הימל ספעציעל פאר דיר א גריס!

ווען דו זעסט זיך אין א מאש מיש,
פון טישאס, קליקס און צעטלעך...
איז עס א געפלאנטע געשעעניש.
פון אויבן א האנט געטליך...

איך הייב אן מיטן אייבערשטן שמועסן,
צו באקומען אמונה טאג - טעגליך,
ווייגער וועלן מיר זאכן פארדריסן.
דער אייבערשטער מאכט אלעס מעגליך!

* * אלא אם כן "מכריזין" מלמעלה:
מיט א מייק: אכטונג! אכטונג!
עס איז נישט קיין קינד, פריינט אדער מאן,
נאר א יעדע איינציגע פאסירונג.
איז מיט א געטליכע פלאן!!!

* א מענטש כאפט נישט קיין קלאפ אין קליין פינגערל

* * נאר אויב מען האט אויסגערופן פארדעם אויבן אין הימל, אז יעדע זאך איז בהשגחה פרטית פונעם אייבערשטן!

מ. פאפענהיים

# תשובה

## מיט פארלאשענע לעקטערס

"מירי! וואס טוט זיך?"

איך בין געשטאנען אין גראסערי נעבן די פרידזשידער פון די מילכיג'ס ווען איך האב געהערט מיין קוזינע'ס קול.

"אה! יענטי! אזוי גוט דיר צו טרעפן דא!" האב איך איר פריינטליך צוריקגעגריסט. בשעת איך האב אריינגעלייגט א מילך און קעז אינעם וואגן, איז יענטי ממשיך צו פרעגן.

"וואס זאגסטו? דו גייסט אויך קומען מארגן?"

"וואו דארף מען קומען?" קוק איך איר אן אומפארשטענדליך.

"זאג מיר נישט אז דו האלסט נישט מיט!" - זי זעט אויס שאקירט - "האסט נישט געהערט די פאמיליע ליין די לעצטע טעג?"

"איך האב דווקא יא באמערקט אז ס'טוט זיך לעבעדיג" מורמל איך.

"הער זיך צו - פסק'נט זי אפ - דו מוזסט זיך מאכן צייט, יעצט ווען דו קומסט אהיים מוזסטו עס אויסהערן, גיטי ארגאניזירט א הערליכער אווענט, וואס קיינער טאר נישט פארפאסן, איך זאג דיר דו וועסט הנאה האבן עס מיטצוהאלטן".



איך שאקל צו מיטן קאפ "עס הערט זיך אינטערעסאנט איך דארף טאקע הערן וואס ס'טוט זיך" זאג איך איר.

"גוט, וועט מען זיך זיכער טרעפן מארגן! יענטי גייט אריבער אין אנטקעגנדיגן אייל, און איך גיי באצאלן.

א סעקונדע נאכן ארויסטרעטן פון גראסערי איז מיר דער שמועס ארויס פון קאפ, נאר נאכמיטאג ווען איך האב אנגערופן מיין באבע תחי' שמועסן אביסל, האט זי מיר געוואוסט צו מיטטיילן אז ס'גייט זיין עפעס מורא'דיג, נישט קיין שטותים חס ושלום, נאר אנגעפילט מיט ערנסטע ענינים, ווי עס פאסט פאר חודש אלול. ווען אביסל שפעטער האט מיין מאמע מיר געמוזט עקסטער אנרופן וועגן דעם האט זיך שוין אויך מיין נייגער אנגעצונדן "איך ווייס אז דו האסט נישט קיין נערוון צו זיצן און אויסהערן דרשות" - האט מיין מאמע מיר געזאגט - "נאר דא גייט עס זיין מער ווי סתם דרשות, גיטי רופט אראפ רעבעצין וויינעראוויטש תחי', זי רעדט נישט סתם אבי' גערעדט, נאר זי דערוועקט ממש צו תשובה, מען גייט ארויס פון אזא אווענט אפגעשווענקט, ריין, דו טאראסט עס נישט פארפאסן!!!"

עפעס האט מיר אנגעהויבן גראגערן אין מח, פארוואס טאקע זאל איך נישט גיין? ס'איז דא אין שטאט, די זאל איז נישט מער ווי אפאר גאסן אוועק, מיינע קינדער דארפן שוין שלאפן דעמאלט, פאר מיין מאן גייט עס נישט שטערן, מיין שכנה וועט זיכער מסכים זיין צו בעיביסיטן קינדער וואס שלאפן שוין, וואס קען שוין זיין? וואס קען מען שוין רעדן אויף תשובה? זיכער גייט די רעבעצין אראפלייגן ווי שטארק דער אייבערשטער האט אונז ליב אוןווארט מיר זאלן צוריקקומען צו אים, איך וועל נאך אויך טרעפן אפאר מענטשן, זיך אויסלופטערן אביסל, וואס קען שאטן? יא, איך וויל עס אויך מיטהאלטן.



איך האב מסדר געווען די טעכנישע זאכן, אפגערעדט מיט א בעיביסיטער, און אין די באשטימטע צייט בין איך ארויס צום גרויסארטיגן אווענט. דער זאל איז שוין געווען האלב פול, איך האב געזוכט מיין מאמע צווישן אלעמען.

"א גוטע נאכט מירי!" האט זי מיר פריילך באגריסט "איך פריי זיך אז דו ביסט געקומען".

אה, דא איז באבי. "א גוטע נאכט באבי!" מיין באבע האט זיך אויך געפריידט מיר צו זען. "מירי, ביסט דא! איך האב געוואוסט אז דו וועסט קומען!" יענטי, ווען נישט איר ווייס איך נישט צו איך וואלט בכלל געוואוסט פון דעם. גיטי לויפט ארום און באגריסט אלעמען און זעט אז אלעס זאל קלאפן.

די רעבעצין איז דא! א שטילער געמורמל גייט אריבער צווישן דעם עולם, איך רוק צו נענטער מיין בענקל איך זאל קענען גוט מיטהאלטן, די רעבעצין גייט לאנגזאם צו צום אויבן אן און נעמט דעם מייק אין האנט.

"א גוטן אווענט!" באגריסט זי אלעמען מיט א ערנסקייט, "ס'איז אריבער אויף אונז אזא שווערער יאר - זי געבט א טיפן קרעכץ - אויף אלעמען צוזאמען, און אויף יעדן איינעם פריוואט, יעצט שטייען מיר שוין ווידער אין חודש אלול, אט אט איז ראש השנה, ווער ווייסט וואס דער אייבערשטער גייט אויף אונז אופשרייבן אויף דעם קומענדיגן יאר?! וועגן דעם זענען מיר זיך יעצט צאמגעקומען, צו תשובה טון אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, און אונז פארשרייבן נאר גוטע זאכן - זי געבט א טיפער שלונג - נאר פאר מען הייבט אן וויל איך זאגן עטליכע עצות."

"קיינער זאל זיך נישט שטיקן צו וויינען, אויב מען וויל דווקא וויינען גייט עס נישט, אבער אויב מען טראכט אז מען מוז נישט וויינען דעמאלט קומט אן גוטע טרערן."

"אויך זאל קיינער נישט קוקן אויף די חבר'טע ארום, יעדער זאל זיין פארנומען נאר מיט זיך, אזוי וועט יעדער זיך פילן באקוועם צו וויינען, אן צו טראכטן וואס יענער זאגט אויף מיר. וועגן די סיבה וועט מען אויך פארלעשן די לעקטער'ס, נישט אינגאנצן, עס זאל זיין עפעס ליכטיג, אבער גענוג טונקל אז יעדער זאל זיך פילן אנגענעם."

די רעבעצין נעמט ארויס פון איר זעקל פעקלעך טישו און טיילט עס אויס פארן עולם, יעדער נעמט א פעקל. איך קוק זיך ארום צומישט, וואס פונקט דארף איך טאן מיט דעם? גיטי און עטליכע קאזינ'ס גייען צו צו די לעקטער'ס און לעשן עס אויס, עס ווערט טונקל. ניין, נישט אזוי טונקל! שרייט מען זיי. זיי צינדן אן, פארלעשן, ביז ס'ווערט אזוי האלב טונקל. "פונקט גוט!" זאגט די רעבעצין.

"ווער עס וויל קען אויך צומאכן די אויגן, און אזוי זיך פילן נאכמער באקוועם." איר קול ווערט דראמאטיש. "יעצט זאל יעדער זיך דערמאנען אלע פראבלעמען וואס זי האט געהאט א גאנץ יאר, אלע שוועריגקייטן, אלע צרות, אפילו נאר זאכן וואס ס'איז געגאנגען אנדערש ווי געפלאנט."

אין זאל ווערט שטיל, איך מיין אז איך האב נישט גוט געהערט, אבער דא און דארט הייבט זיך אן צו הערן שטילע שלוכצן, זיכער אזוי. די מומע מוטשעט זיך מיט א נישט געזונט קינד. יענע פרוי האט חתונה געמאכט א טאכטער און זי איז נעבעך צוריק אהיימגעקומען... די קוזינע האלט שוין עטליכע יאר נאך די חתונה, און די שטוב איז נאך ליידיג... א אנדערע קוזינע האט א לאנגע רייע פון עלטערע בחורים און מיידלעך אין שידוכים... ביי א צווייטע מומע ווייסט יעדער צו זאגן אז ס'איז נישטא דארט קיין פרוטה... א וואונדער אז ס'קומט צו וויינען?

די רעבעצין זעצט פאר מיט א געשטיקטן קול: "יעצט זאל יעדער זיך פרובירן צו דערמאנען אלע נישט גוטע זאכן וואס מען האט געטון... סיי פון דעם לעצטן יאר, און אויך פון די פאראגאנגענע יארן... אפילו פון אלס קליין מיידל..."

די לופט ארום מיר ווערט געדעכט, די שטילע שלוכצן ווערן פארוואנדלט אין העכערע געוויינערייען, איך קען זיך נישט איינהאלטן, איך כאפ פאר'גנב'עט בליקן ארום מיר, יעדער, אבער ממש יעדער ווישט זיך די אויגן, איך מיין אז איך בין די איינציגסטע משוגע'נע וואס שפירט זיך דערשטיקט דא, איך קען נישט

פארשטיין, א פילע זאל מיט טייערע חשובֿ'ע פרויען, קענסט מיר זאגן ווען פארנומענע מאמע'ס און באבע'ס האבן צייט צו זינדיגן? אוודאי דארף מען פארעכטן וואס מען האט צו פאררעכטן, אבער אזוי צו יאמערן אויפן קול?!

די רעבעצין צוואויינט זיך אויפן קול אין מייק, און איז ווייטער ממשיך "וועגן די אלע עבירות, זענען געקומען אלע צרות... וועגן מיר האבן שלעכטס געטון, דארף אונז דער אייבערשטער אזוי שטארק באשטראפן..."

# קענסט מיר זאגן ווען פארנומענע מאמע'ס און באבע'ס האבן צייט צו זינדיגן?

דאס איז עס... די יללות שפאלטן הימלען... איך מיין אז איך גיי שוין שטארבן... ניין, נישט איך מיין... איך בין זיכער... און איך בין זיכער אז איך שטיי שוין אין גיהנום אליין... הייליגער באשעפער! נעם מיר ארויס פון דעם גיהנום דא! אפשר קען איך טאקע אוועקגיין יעצט? ניין, ס'איז נישט מעגליך, מיינע געטרייע שוועסטער'ס האבן מיר באזארגט מיט א גוטן פלאץ, פונקט אינמיטן...

די רעבעצין איז ממשיך עפעס צו וויינען אין מייק... אז אונז בעטן איבער דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן און אונז מער נישט שטראפן... איך הער שוין נישט... איך זע שוין נישט... נאך לאנגע אנגעצויגענע מינוטן וואס האט אויסגעזען ווי אן אייביגקייט האט זי געענדיגט איר דרשה, דער עולם האט זיך געווישט די טרערן מיט די אויסגעלייזדיגטע פעקלעך טישו'ס, און מען האט אנגעצונדן די לעקטער.

דא און דארט האט מען געהערט אויסרופן. "א מחי'!" "איך פיל זיך אפגעוואשן!" "גרייט פאר ראש השנה!"

גיטי האט איבערגענומען די מייק: "אין נאמען פון אלע חשובע פרויען וויל איך זיך באדאנקען פאר די חשובע רעבעצין, וואס האט גענומען די מי און אראפגעקומען אונז אלעמען העלפן זיך גרייטן ריכטיג צום יום טוב. יעצט וועלן מיר אלע צוזאמען זאגן נשמת און מזמור לתודה, און נאכדעם וועט יעדער האבן די געלעגנהייט זיך צו גיין ווינטשן ביי די חשוב'ע רעבעצין."

די פרויען שטעלן זיך אויף און הייבן אן צו זאגן מיט א ערנסקייט. איך מיין אז איך האב שוין יוצא געווען דא, איך באגריס מיין מאמע א גוטע נאכט, זי כאפט א בליק אויפן זייגער, "יא, עס ווערט שוין טאקע שפעט... בלייב מיר געזונט מירי! א גוטע נאכט..."

ענדליך טרעף איך זיך אינדרויסן... איך וואלט נאך געוואלט אביסל שמועסן מיט מיינע קוזינעס וועמען איך האב שוין לאנג נישט געטראפן, אבער איך בין צו צושטורעמט... איך לאז ארויס אויפן וועג אהיים, איך אטעם טיף די פרישע קילע לופט. א מחי'! שכח אייבערשטער פאר די פיינע פרישע לופט! עס ווערט שוין ממש קיל, עס פילט זיך שוין דער אלול ווינטל... יא, דער באקאנטער ווינטל וואס דרינגט אריין אין די ביינער און דערוועקט צו תשובה.

וואס האט דיר געשטערט מירי? פרוביר איך זיין אויפריכטיג מיט מיר אליין. מען דארף תשובה טון! עס איז גארנישט קיין שפיל! די רעבעצין האט געזאגט זייער ריכטיג אז אויב מען טוט שלעכטס און מען טוט נישט תשובה דארף מען נאכדעם ביטער באצאלן. און איך גיי עס נאכאמאל איבער'חזר'ן: **אני מאמין - איך גלייב, באמונה שלימה - מיט א שטארקע אמונה, שהבורא יתברך שמו - אז דער אייבערשטער געלויבט איז זיין נאמען, גומל טוב - באצאלט גוט, לשומרי מצוותיו - פאר די וואס היטן זיינע מצוות, ומעניש - און ער באשטראפט, לעוברי מצוותיו - פאר די וואס פאלגן נישט זיינע מצוות.**

אבער... עס איז דא צוויי וועגן פון תשובה טון, איינס איז תשובה מיראה - איך האב מורא אז איך גיי באשטראפט ווערן, גיי איך שנעל שנעל תשובה טון. פון די אנדערע זייט איז דא תשובה מאהבה - איך טו תשובה פון ליבשאפט.

"הייליגער באשעפער! איך וויל תשובה טון ווייל איך האב דיר ליב, און איך וויל בלייבן נאנט צו דיר, איך גיי זיך דערמאנען אלע גוטע זאכן וואס דו האסט געטון צו מיר א גאנץ יאר, דו האסט מיר געגעבן געזונט, א טייערער מאן, לעכטיגע קינדער, דו האסט יעדן איינציגסטן טאג מיר געגעבן וואס צו עסן, לופט צו אטעמען, קליידער אנצוטון, ווי אזוי קען איך זיין אזוי שלעכט און טון דאס וואס דו לאזט נישט טון?

טאטע זיסער! איך וויל אזוי שטארק זיין גוט, וואס זאל איך טון אז דער יצר הרע ברענט אין גליעט, ער לאזט מיר נישט אפ, און ווארפט מיר כסדר אראפ???



הייליגער באשעפער! איך גיי היינט זיין בעסער פון נעכטן, און אויב איך ווייס נישט וואס צו פארעכטן, עס גייט אריבער וואס עס גייט אריבער, וועל איך גיין פרעגן אן ערליכער איד וואס זאל מיר ווייזן דעם וועג ווי אזוי צו ווערן נענטער און נענטער צו דיר!"

"שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר מקרב געווען צום הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אזא זיסע לעכטיגע וועג!!!"

# Honey Cookies

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 8 1/2 CUPS FLOUR
- 5 EGGS
- 1 LB HONEY
- 1 1/4 CUP SUGAR
- 1 CUP OIL
- 1 T BAKING SODA
- 1 STICK MARGARINE
- 1 T CINNAMON

## DIRECTIONS:

ADD ALL INGREDIENTS IN BOSCH MACHINE. MIX TO FORM A SMOOTH DOUGH.

REFRIGERATE OVERNIGHT.

FORM 1" BALLS. PLACE INTO A LINED COOKIE SHEET. SPREAD APART.

BAKE ON 350 FOR 13 MIN (DO NOT OVERBAKE)





# מעשיות פון תפילה

**א פרוי פון קרית ברסלב**

מיין בעבי האט זייער נישט גוט געשפירט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זי זאל שוין גוט שפירן.

איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פארן בלעטל.

שכח אייבערשטער זי שפירט שוין גוט.

**א פרוי פון ארץ ישראל**

איך האב געוואלט וואשן וועש אבער די וואש מאשין האט זיך נישט אנגעצינדן.
איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיך אנצינדן.
אויך האב איך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה פארן בלעטל.
שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האט זיך עס אנגעצינדן ווי גארנישט וואלט געווען פון פארדעם.

**מ. קורזופה ביתר**

1. פון ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די יערליכע קאמפיין האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנפילן מיין פעידש. שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האב איך מצליח געווען אנצוקומען צו מיין גאול. שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו צוריקגעבן אביסעלע הכרת הטוב פאר א פלאץ וואס געבט מיר לעבן א גאנץ יאר!!!

2. איין טאג בין איך געווען אין בית שמש, איך האב געדארפט אהיימפארן קיין ביתר. איך האב געקלונגען פרעגן ווען ס'איז די קומענדיגע באס. זיי האבן געזאגט אז די קומענדיגע באס וועט שוין זיין נאר צומארגנס. אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטער איך זאל יא האבן א באס גלייך צו מיין שטאט, און קענען אנקומען אינדערהיים נישט צו שפעט. אזוי האב איך געווארט ביים באס סטאפ.

נישט מער און נישט ווייניגער, אפאר מינוט שפעטער איז אנגעקומען א באס. שכח אייבערשטער!!!

מיט תפילה מיט תפילה באקומט מען יעדע זאך...!





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com















## דירות צו פארדינגען

צו רענטן א דירה פאר יום כיפור
אויף האשקי גאס, אדער שמחת
תורה ביים ירושלים גאס.

רופט 845-774-5616 #204

## בית התבשיל

פרייליכע מעלדונג! מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז
קומענדיגע וואך זונטאג פרשת נצבים 6:00 אזייגער, וועט
פארקומען א גרויסע חלוקה ביים נייעם בנין פון בית התבשיל
Radcliff road 117
צו קויפן א זכות פון א חלוקה אדער א זכות אינעם נייע בנין רופט
ר' יחזקאל סאמעט שליט"א347-452-1936

## שאטל סערוויס

עס ווערט געזוכט א דרייווער פאר
מאנטאג און דינסטאג ערב ראש השנה,
און זונטאג נאך ראש השנה.

ביטע רופט מרת שטיינבערג
917-387-7838


קינדער בלעטל
פאר עלטערע:
אן אויער
וואס הערט
וואס טוט מען ווען מען טרעפט זיך
אליין
הענגען אויפן
וואסער?...
קאמיקס:
מוהרא"ש'ס
תיקון חצות

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## בֶּעטְן מִיט אַן אֱמֶת

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט אוּנְז לֶערְנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה?

אוֹיבּ וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיר וֶועט פָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועט אִיר זֶען נֶעבְּן יַבְנְאֵל אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, דִי שְׁטָאט הֵייסְט טְבֶרְיָה

טְבֶרְיָה אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁטָאט, אוּנְטְן פוּנֶעם שְׁטָאט אִיז דֶער הֶערְלִיכֶער וַואסֶער כִּנֶּרֶת; מִיט לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק אִיז טְבֶרְיָה גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע הוֹיכֶע מוֹיעֶר, פוּן אִינֶעוֵויינִיג פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז דֶער שְׁטָאט אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דֶער יַם כִּנֶּרֶת

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה הָאט פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מָארְד; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דִי קְרֶענְק אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט שְׁנֶעל אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי הוֹיז וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם וָואס דִי קְרֶענְק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט

אַזוֹי לוֹיפְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרָאפְן אַ הֵייל, דֶער הֵייל הָאט גֶעפִירְט בִּיז צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיפְן זֵייעֶר שְׁנֶעל כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי מָארְד; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שְׁטָאט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין טִיר אִינֶעם מוֹיעֶר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי סַכָּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דָארְט וואוּ עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם מוֹיעֶר - אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג, עֶס אִיז דָארְט נָאר יַם, נָאר וַואסֶער; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיבְן אוֹיפְן שְׁפִּיץ פוּנֶעם מוֹיעֶר אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם צְוֵוייטְן זַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעהָאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אוּנְטֶער אִים אִיז דֶער יַם, דֶער וַואסֶער; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעהָאנְגֶען דָארְט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן פִיס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ, אָבֶער אוֹיבּ וָואלְט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט וָואלְט עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין יַם, צוּרִיק אַרוֹיף קְרִיכְן הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּרִיק צוּ שְׁלֶעפְּן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ דָא? הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר אַ וֶועג צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אֱמֶת אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעהָאנְגֶען בַּיים מוֹיעֶר הֶעכֶערְן וַואסֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זִיךְ רַאטֶעוֶוען, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַזוֹי הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, מִיר וֶועלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אוּנְז - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים, מִיר וֶועלְן זֶען יְשׁוּעוֹת




רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ דָא? הֶעלְף מִיר!

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

מיין בריף קעיס איז שוין געווען זייער שמוציג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען מאכן זויבער.

איין טאג בין איך אויפגעשטאנען פרי און איך האב געקענט האבן צייט צו מאכן זויבער די בריף קעיס.

*איידל שטיינבערג, קרית ברסלב*

איך האב נישט געהאט קיין זייגער א לאנגע צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א שיינע זייגער. איין טאג איז מיין מאמע געגאנגען אין א סטאר און מיך געקויפט א נייע שיינע זייגער.

*חי' וועבערמאן, קרית ברסלב*

אונזער דרייער האט נישט געארבעט, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארבעטן.

שכח אייבערשטער מ'האט עס געקענט פאררעכטן, און יעצט ארבעט עס שוין א מחי'.

*שיינדל חי' בלום, בית שמש, 7 יאר*

1. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיין טאטע זאל קענען קויפן א טיקעט קיין אומאן, שכח אייבערשטער ער האט געקענט קויפן.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פיקסן מיין בייק, שכח אייבערשטער איך האב עס געקענט פיקסן.

3. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו באקומען א רימאט העליקאפטער, שכח אייבערשטער מיין מאמע האט מיר עס געקויפט.

*נחמן חיים בירנבוים, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל געווינען די גורל.

שכח אייבערשטער איך האב געוואונען סיי די גרויסע גורל און סיי די קלענערע.

*אלטר יעקב קרויס, ירושלים*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.

און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.

צו הערן די גורל פון חודש אלול
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# קליין און פיין



חיים בוים



אליעזר שלמה אינדיג



שרי שטיינבערג



פייגי פינטער



יעקב יודא ראטה



אסתר פריעדמאן



בית פיגא קרית יואל



אסתר פריעדמאן

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

מֶענְדִי טֵיילְט מִיט:

אַ גוּטְן לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, וָואס הֶערְן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּ צוּ אוּנְזֶערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן. אִיךְ וִויל אַייךְ לָאזְן גֶעבְּן אַ בְּלִיק אַרַיין אִין מַיין וֶועלְט פוּן גֶעפִילְן, אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן אוּן וָואס אִיךְ לֶערְן זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם.

אִין מַיין כִּתָּה אִיז דָא אַ אִינְגְל מִיטְן נָאמֶען "דָנִיֵּאל בְּרַאנְד".

דָנִיֵּאל אִיז אַ בֵּן יָחִיד, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין בְּרוּדֶער'ס אוּן נִישְׁט קֵיין שְׁוֶועסְטֶער'ס, אַלֶע נַאשׁ, שְׁפִּילֶערַייעְן אוּן אוֹיךְ דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן גֵייט פַאר אִים.

ווֶעגְן עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ לֶעבְּן מִיט נָאךְ קִינְדֶער אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען גֶעהֶערִיג מִיט חֲבֵרִים, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט וָואס עֶר הָאט לִיבּ.

אִיךְ פְּרָאבִּיר אִים אַלֶעמָאל צוּ אוֹיסְהֶערְן, אִים אוֹיפְלֶעבְּן אוּן אִים מַאכְן פִילְן אַלְס מַיין בֶּעסְטֶער חָבֵר, אֲפִילוּ צוּמָאל אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג וֶוען אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע עֵצָה, אִיךְ דַארְף דָאךְ יֶעצְט שְׁטֵיין אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי בָּאס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, קֶען אִיךְ אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי צַייט צוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט מִיר וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער אוֹיפְן הָאֶרֶץ.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטְרַאכְט צוּ טוּן.

אִיךְ קוּם אָן אוּנְטְן וואוּ מֶען ווָארְט אוֹיף דִי בָּאס, זֶע אִיךְ אַז דָנִיֵּאל שְׁטֵייט דָארְט אִין דִי זַייט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְוֶוענְקְלֶען, זָאל אִיךְ אִים גֵיין בַּאגְרִיסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים? עֶר וֶועט וֶוערְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם!

זָאל אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶר זָאל מִיר נִישְׁט בַּאמֶערְקְן כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? בֵּיידֶע אִיז גוּט!

אַזוֹי שְׁטֵייעֶנְדִיג אוּנְטְן, אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ מַחֲשָׁבָה אִין קָאפּ אַז יֶעצְט אִיז יָא בֶּעסֶער אִיךְ זָאל גֵיין בַּאגְרִיסְן דָנִיֵּאל'ן אוּן אַזוֹי אִים דֶערְפְרֵייעֶן אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג, ווַייל אַ שְׁמֵייכְל פוּן אָנְהוֹיבּ טָאג טוֹישְׁט דֶעם גַאנְצְן טָאג צוּם גוּטְן.

אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דָנִיֵּאל מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף בֵּיידֶע בַּאקְן, אֲפִילוּ אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַזַא גוּטֶע מוּט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ. אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערוּפְן: "אַ גוּט מָארְגְן דָנִיֵּאל, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דִיר צוּ טְרֶעפְן דָא!"

גְלַייךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי זַיינֶע אוֹיגְן שַׁיינֶען אוֹיף, אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר ווָארְט צוּ מִיטְטֵיילְן מִיט אֵיינֶעם וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט דוּרְךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ דָא אוּן נִישְׁט נֶעבְּן דַיין הוֹיז?"

מִיט אַ פַארְוֵויינְטֶע שְׁטִימֶע הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אַז נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מֶען אַרַיינְגֶעפִירְט זַיין מַאמֶע אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן בַּיי זַיין בַּאבֶּע, וָואס ווָאוּנְט נֶעבְּן אוּנְז. עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן בַּאזָארְגְט ווֶעגְן זַיין מַאמֶע, עֶר הָאט כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן שְׁרֶעק.

**ל. סאקס**

איךְ הָאב זַייער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, הָאב אִיךְ אִים גֶעזָאגְט דִי עֵצָה וָואס מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶערָאטְן צוּ טָאן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט שְׁוֶוער, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

איךְ הָאב אִים גֶעזָאגְט אַז מִיר דְרִיקְט אוֹיף אוֹיפְן הַארְץ שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן, אִיז לָאמִיר בֵּיידֶע כַאפְּן טוּן דִי עֵצָה אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְוַוייל אִיז דִי בָּאס אָנְגֶעקוּמֶען, מִיר זֶענֶען שְׁנֶעל אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אֵיינֶער נֶעבְּן צְוֵייטְן, בֵּיידֶע הָאבְּן צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק! אַזוֹי לִיכְטִיג!

בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ!

צוּם ווִידֶערְזֶען אי"ה!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע מאמר חז"ל דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: "א מענטש צוקלאפט זיך נישט די פינגער, נאר אויב מען האט אויסגערופן אויבן אין הימל!"

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע זאך האט דער רבי נישט געלאזט מאכן?**

א. א טעות
ב. א קאר מיט קליקס
ג. חובות
ד. פאטאש

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אז מען וויל אנטלויפן - אנטלויפט מען צום אייבערשטן!"

## געב א שמייכל

**פארוואס האט דער שווער צובראכן זיין איידעם'ס האנט?**

ווייל ער האט צוגעזאגט קעסט נאך די חתונה...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**כ. מִתְּחִלָּה צָרִיךְ לְהַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאַחַר כָּךְ יִזְכֶּה לְהָבִין אוֹתוֹ בַּשֵּׂכֶל.**

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שֵׂכֶל.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מ'טינקט די עפל אין די האניג,**
**ס'קומט א זיסע יאר!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ת | ד | צ | צ | ס | כ | ק |
| ז | ע | פ | א | נ | י | נ | נ |
| ר | א | צ | פ | ח | ק | ק | ה |
| ב | ט | ע | צ | ט | ב | ש | א |
| ש | ח | פ | ע | ע | ז | ק | י |
| ר | ח | ו | ה | ב | ע | מ | ט |
| נ | נ | ל | ת | ש | ז | י | ש |
| ו | ב | ג | ש | ש | ו | י | נ |
| י | ק | ב | ק | נ | ד | ח | פ |
| ש | א | פ | ר | ש | ר | ה | ק |
| י | ג | כ | ר | כ | ה | א | ז |
| ע | ז | ט | ש | כ | ה | ז | ט |
| נ | ח | ז | ו | כ | ל | ל | ז |
| ה | י | מ | ו | ב | ס | פ | ר |
| ל | י | ל | כ | ח | ת | צ | ת |
| י | מ | ר | ת | י | פ | ז | ח |
| מ | י | ע | ב | י | ל | צ | מ |
| י | ק | ג | נ | מ | ש | י | י |
| ט | ל | ש | ו | כ | י | מ | כ |
| י | א | ת | פ | ח | ט | ל | ה |
| ל | ס | ג | ל | צ | מ | ט | ל |

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים
וכתבנו בספר החיים למענך
אלקים חיים

# 15 דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא״ש זי״ע

אַרַיינְפִּיר: דִי בַּאהַאלְטֶענֶע עֲבוֹדָה פוּן מוֹהֲרָא״ש זי״ע בַּיי חֲצוֹת אַלְס בָּחוּר




געצייכנט מיט רשות פון עיר ברסלב



# אן אויער וואס הערט

ש. טראכטער

***אט איז מען אהיים פון קעמפ, לאמיר אייך פארציילן וואס האט זיך ביי מיר אפגעשפילט דאס יאר אין קעמפ.***

יעדער אינגל ווארט שוין אויף די טאג וואס זיינע עלטערן ווען קומען אים באזוכן אין קעמפ. און איך, חזקי וואלדמאן, בין נישט אנדערש ווי יעדן. אבער איך האב יא געהאלטן אז ביי מיר איז עס עפעס ספעציעל, ווייל מיין זיידע פון לאנדאן איז פונקט דא געוועז און ער האט מיר געזאגט אז ער וועט מיר קומען באזוכן אין קעמפ.

ווען זיידי שטיינבערג קומט איז עס א שמחה! זיידי שטיינבערג ברענגט אלעמאל טייערע און שיינע מתנות, און איך האב שוין שטארק געווארט אויף זיין אנקום.

די טאג איז ענדליך אנגעקומען, און איך בין נישט אנטוישט געווארן. מיין זיידע איז ארומגעגאנגען צו מיינע משגיחים און ב"ה געהערט פיינע גריסן. ער איז געווען זייער פרייליך און מיר דערלאנגט צוואנציג דאלער! איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פון גרויס שמחה, אבער מיין איבערראשונג איז נאכנישט פארטיג געווען. זיידי האט ארויסגעצויגן פון זיין טאש א קליינע איינגעפאקטע פעקל: "דאס איז פאר דיר, חזקי" האט ער געזאגט מיט א שמייכל, "דו ווילסט עס שוין לאנג האבן..." איך האב געקוקט אויף זיידי מיט איבערראשונג און פרובירט צוצוטרעפן וואס עס ליגט אינעם פעקל. איך האב עס געדרייט פון איין זייט צום צווייטן און עס באטאפט פון אלע זייטן. מיין זיידע האט געשמייכלט: "עפן עס אויף," האט ער געזאגט, "וועסטו מער נישט זיין נייגעריג."

שטייטערהייט האב איך אויפגעריסן די פאק-פאפיר און געקוקט אויפ'ן שאכטל. ווען איך האב געזען וואס דאס איז בין איך אונטערגעשפרינגען!

"א רעקארדער!!" האב איך אויסגערופן איבערראשט. "יישר כח זיידי!!" האב איך געזאגט. זיידי האט געשמייכלט און זיך געזעגנט פון מיר

"זיי מצליח און לערן פלייסיג." האט ער געזאגט. איך האב שוין כמעט נישט געהערט, איך בין געווען צו ארייננגעטון אין מיינע פרייליכע מחשבות.

לאמיר אייך דערציילן אביסל וועגן מיר: איך האב זייער ליב צו זינגען, און איך האב אויך ליב צו הערן וויאזוי איך זינג. דערפאר האב איך שוין לאנג גע'חלומ'ט פון האבן מיין אייגענע רעקארדער. אבער, צוליב דעם וואס עס איז גאר טייער, איז עס געבליבן א חלום. פאר אפיקומן האב איך עס געבעטן, אבער מיין טאטע האט געזאגט אז עס קאסט צו פיל, אז איך וויל עס האבן זאל איך בעטן דעם אייבערשטן, און אזוי וועסטו עס זיכער

באקומען. און יעצט... יעצט האט מיין זיידע מיר געקויפט פונקט דאס וואס איך חלום שוין און איך בעט אויף דעם אזוי לאנג. איך האב זיך געוואונדערט ווער עס האט אים פארציילט. "מן הסתם מיין מאמע," האב איך זיך גלייך געכאפט.

איך בין אריינגעגאנגען אין בַאנק מיט מיין אוצר אין האנט און זיך אנידערגעזעצט אויף מיין בעט. איך האב ארויסגענומען די פאפיר וואס איז מסביר וויאזוי עס ארבעט און אויסגעפאלגט די אנווייזונגען.

"העלא... העלא..." האב איך אריינגעזאגט אין דעם קליינעם, שווארצן כלי, וועלנדיג אויספרובירן צו עס ארבעט.

"חזקי, וואס גייט פאר?" האט מאיר - די אינגל וואס שלאפט העכער מיר געפרעגט - בשעת וואס זיינע פיאות הענגען אראפ פון אויבן.

מיט עקסטאז האב איך אים געוויזן מיין נייע רעקארדער. מאיר האט זיך גלייך צוגעכאפט און זיך געזעצט אויפן בעט נעבן מיר. אינאיינעם האבן מיר אריינגעזינגען חזנות שטיקלעך און עס איבערגעהערט, לאכנדיג ווי מאדנע עס הערט זיך.

אפאר אינגלעך זענען אריינגעקומען אין באנק. "ווער זינגט דא?" האט יוסי געפרעגט.

"די צוויי נייע חזנים" האט מאיר אויסגערופן. ביז אפאר מינוט האט זיך פארזאמלט א קופקע ארום מיין בעט, און יעדער האט באטראכט מיין מתנה מיט נייגער. איך האב זייער אכטונג געגעבן דערויף, און נישט געלאזט מיינע חברים זיך ארומשפילן דערמיט. אלע אינגלעך האבן געהאט א געלעגנהייט אריינצורעדן אין מיין רעקארדער און דערנאך זיך איבערהערן

"אוי עס איז שפעט, מען דארף גיין צו מנחה" האט משה חיים זיך פלוצלינג אנגערופן. אלע האבן זיך אויסגעדרייט צום זייגער און געזען אז ער איז גערעכט. אין איילעניש זענען זיי ארויסגעלאפן פון באנק. איך בין געבליבן נאך איין מינוט אוועקצולייגן מיין רעקארדער.

"חזקי" רופט זיך אן א שוואכע קול, איך האב זיך אויסגעדרייט צו זען ווער דאס איז, עס איז געווען שמעון.

"שמעון וואס גייט פאר? פארוואס ביסטו אין בעט?" האב איך זיך געוואונדערט.

שמעון האט זיך צעהוסט. "איך.. איך פיל זיך נישט גוט איך ברען מיט פיבער." האט ער געזאגט מיט א וואקלדיגע שטימע.

"אוי וויי, רפואה שלימה" האב איך אים ווארעם געוואונטשן און צוגעלייגט "איך וועל בעטן דעם אייבערשטן פאר דיר זאלסט האבן א רפואה שלימה" בשעת'ן זיך גרייטן ארויסצוגיין.

"חזקי, איך מעג זיך שפילן מיט דיין רעקארדער? איך האב נישט וואס צו טון אין בעט, און עס וועט מיר זיין אזוי לאנגווייליג צו זיין אליין אין צימער" האט ער זיך געבעטן. איך האב זיך געטראפן אין א שווערע פארלעגנהייט: פון איין זייט, וואס איז אויב די רעקארדער וועט זיך צוברעכן, עס איז גאר טייער און איך האב אזוי לאנג געווארט דערויף. אבער פון צווייטן זייט ליגט נעבעך שמעון אין בעט און איך קען אים מחי' זיין און מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים. שכח אייבערשטער מיין יצר טוב האט איבערגעוואויגן.

"גוט" האב איך געזאגט, "קענסט עס האבן, אבער היט שטארק דערויף און ווען דו ענדיגסט עס נוצן, לייג עס אריין אין מיין לעדל" האב איך אים אנגעוויזן. שמעון האט געשמייכלט צו מיר און צוגעשאקלט מיט'ן קאפ. "ש'כח" האט ער נאכגעשריגן בשעת איך בין געלאפן אין בית המדרש.

אינמיטן שיעור איז שמעון אריינגעקומען. "אה שמעון, שפירסט זיך שוין בעסער?" האב איך זיך אינטערעסירט.

"שכח אייבערשטער די פיבער איז אראפ און איך האב שוין מער כח. די נוירס האט געזאגט אז איך קען קומען צום שיעור." שמעון האט זיך אראפגעזעצט נעבן מיר.

"יישר כח" האט ער מיר נאכאמאל געזאגט. "איך האב דיר אריינגעזאגט א מעסעדזש אין די רעקארדער."

איך האב געשמייכלט צו אים.

"האסט עס אוועקגעלייגט?" האב איך אים געפרעגט, שמעון האט געשאקלט מיט'ן קאפ אויף יא. דער מלמד האט געקוקט אויף אונז מיט שארפע בליקן און מיר האבן זיך שנעל צוריק אריינגעלייגט אין די גמרא.

שפעטער נאך נאכטמאל, בין איך אריין אין באנק, איך האב אפירגעזיכט מיין רעקארדער צו הערן וואס שמעון האט אריינגעזאגט. איך עפן די לעדל... אבער... די-רעקארדער-איז-נישט-דא. איך האב געזוכט אהער און אהין, אבער ווי אין וואסער אריין, די רעקארדער איז נישט דא.

איך האב אויפגעזוכט שמעון און אים געטראפן ווארטן אויף זיין רייע אהיימצורופן. "שמעון" האב איך נערוועזערהייט געפרעגט, "וואו האסטו געלייגט מיין רעקארדער?"

שמעון איז בלאס געווארן. "אין די לעדל" האט ער געזאגט.

"וועלכע לעדל?" האב איך ווייטער געפרעגט, האפנדיג אז אפשר האט ער געמאכט א טעות.

שמעון האט איבערגעלאזט זיין פלאץ ביי די טעלעפאן רייע און איז אריינגעלאפן מיט מיר אין באנק. ער איז צוגעגאנגען צום לעדל וואס איך האב שוין איבערגעדרייעט און עס געעפנט. ער קוקט און קוקט אבער אן ערפאלג. "חזקי..." האט ער שטיל געזאגט, "איך האב עס דא געלייגט, אפשר האט עס איינער גענומען?"

איך בין געווארן זייער דערשראקן און אויפגערעגט. "קיינער חוץ דו איז נישט דא געווען און קיינער ווייסט נישט אז איך האלט עס אין דעם לעדל!"

שמעון האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן און איז ארויס פון באנק. איך האב זיך אראפגעזעצט אויף מיין בעט און געטראכט וואס ווייטער צו טון. מיין מח האט נישט געקענט טראכטן גראד, 'פארוואס האב איך אים עס געלאזט האבן?' אזא טייערע מתנה דארף מען שטארק אפהיטן.' בשעת מיינע מחשבות זענען געלאפן בין איך געווארן זייער אויפגערעגט אויף שמעון און אויף זיך אליין. איך שעם זיך צו פארציילן אז איך האב ליידער פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן און וויסן וואו ס'ליגט, נישט ווערן סתם אויפגערעגט אויף שמעון און אויף מיר.

נאכדעם זענען די איבריגע אינגלעך אריינגעקומען אין באנק. "חזקי, מיר ווילן זען דיין רעקארדער" האבן זיי אויסגערופן. איך בין געווארן אויפגעברויזט און זיי דערציילט וואס דא איז פארגעקומען. איין אינגל האט זיך געגעבן א רוף אן: "אפשר האט עס שמעון גע'גנב'ט?" אלע אנדערע אינגלעך האבן אים אנגעשריגן "פארוואס זאגסטו אזוי?" אבער דער אינגל האט זיך געהאלטן ביי זיינס. "איך ווייס אז שמעון האט אלעמאל געוואלט האבן אזא מין רעקארדער." די אינגלעך האבן עס נישט אנגענומען, אבער איר ווייסט די כלל פון לשון הרע? אפילו עס איז נישט אמת גייט עס אריין אין קאפ. אפשר ווייל איך בין געווען אזוי אנטוישט און פארלוירן, האבן די ווערטער צוביסלעך אריינגעקראכן אין מיין קאפ און איך האב עס אנגעהויבן גלייבן.

פונקט יענע מינוט איז שמעון אריינגעקומען, יעדער איז געבליבן שטיל. שמעון האט באמערקט אז עפעס איז נישט אין ארדענונג און זיך געשפירט זייער אומבאקוועם. "וואס האב איך געקענט טון?" האט ער געפרעגט, שטיל און פארלוירן.

"זיך איינהאלטן" האב איך זיך אנגערופן

"וואס?" האט ער נישט פארשטאנען.

"האסט זיך געקענט שטארקן אויף דיין יצר הרע און עס נישט נעמען. "און" האב איך צוגעלייגט, "דו קענסט זיך נאך אלץ שטארקן און מיר עס צוריקגעבן."

שמעון איז בלאס געווארן. "דו.. דו מיינסט אז איך האב עס גע'גנב'ט?" האט ער געשטאמלט, און מיט דעם איז ער ארויסגעלאפן פון באנק. די אנדערע קינדער האבן זיך געשפירט זייער אומאנגענעם און זענען אלע ארויס. חוץ איין אינגל - די אינגל וואס האט אנגעהויבן די לשון הרע

"זעסט, שמעון האט זיך דערשראקן, איך זאג דיר אז ער האט עס ערגעץ באהאלטן. אויפ'ן גנב'ס קאפ ברענט דאס היטל." האט דער אינגל געזאגט.

אין אמת'ן בין איך נישט געווען אזוי זיכער אז שמעון האט עס גענומען. איך האב געקענט שמעון, ער איז געווען אן ערליכער, איידעלער אינגל. אבער איך האב זיך אנגעכאפט אין די פאלשע האפענונג אז אפשר וועל איך עס צוריקבאקומען.

די קומענדיגע טעג זענען געווען געפערליך, איך שעם זיך אפילו צו שרייבן דערפון. יעדעס מאל שמעון איז אדורך האב איך אים געפרעגט אויב ער האט עס געטראפן, אדער אויב ער האט זיך בארעכנט עס צוריקצוגעבן. איינמאל איך האב געפאלגט מיין יצר הרע, האט ער מיר שוין געהאט ביי זיך אין טאש, און איך האב אים געפאלגט אלץ מער און מער. איך מוז מודה זיין אז איך האב שטארק געטשעפעט שמעון, איך האב נאר נישט געוואוסט ווי ווייט עס וועט גיין.

איין טאג, ווען איך בין אריינגעקומען אין באנק, האב איך געהערט א גערודער. "וואס גייט דא פאר?" האב איך געפרעגט מיינע חברים.

זיי האבן זיך ארויסגעדרייט פון מיר ענטפערן. איך האב געפרעגט איינעם און א צווייטן, ביז יוסי האט זיך געגעבן א רוף אן: "שמעון איז אהיים. ער קומט מער נישט צוריק." איך בין געווארן אויפגעשוידערט ביז גאר, איך האב נישט געדארפט פרעגן פארוואס. יעדער האט געוואוסט ווער עס איז שולדיג. יענעם טאג האב איך זיך ארומגעדרייט זייער צובראכן, איך האב שוין געוואלט תשובה טון אויף וואס איך האב דא געטון, אבער 'יענער אינגל' וואס האט אלעס אנגעהויבן, איז געקומען צו מיר און אריינגערוימט אין אויער, "ער איז זיך אליינס שולדיג, ער האט עס געקענט צוריקגעבן. עס איז שוין אריבער ניין טעג פון דעמאלטס."

דאסמאל האב איך נישט אזוי אנגענומען זיינע ווערטער. איך האב זיך דערמאנט וואס מיין רבי האט לעצטנס פארציילט וועגן אהרן הכהן, אז ער איז געווען אן "אוהב שלום ורודף שלום" ער האט ליב געהאט און נאכגעלאפן שלום. דא האט מיר אויסגעזען פארקערט, ווי 'יענער אינגל' האט ליב און לויפט נאך מחלוקת. איך האב זיך אוועקגעדרייט פון אים נישט וויסנדיג וואס צו טון. אבער די מעשה האט זיך נישט דא געענדיגט...

יענע נאכט, נאכן אנגרייטן נעגל וואסער און נאכן ענדיגן ליינען קריאת שמע, האב איך אראפגעלייגט מיין קריאת שמע ליינער אויף די שאנק נעבן מיין בעט, און מיינע הענט האבן עס בטעות געגעבן א שטופ אראפ. גלייך האב איך זיך אראפגעבויגן עס אויפצוהייבן, אבער עס איז ווייטער געפלויגן אונטער דעם שאנק. ווען איך בין אראפ פון בעט עס אויפצוהייבן האב איך פלוצלינג געגעבן א שריי, "אוי!!"

מאיר, פון די אויבערשטע בעט, האט זיך דערשראקן. "וואס איז געשען?" האט ער געפרעגט.

איך האב אים נישט געענטפערט, נאר אויפגעהויבן מיין האנט און אים געוויזן. אין מיין האנט איז געלעגן... מיין רעקארדער!! מאיר האט גארנישט געזאגט. אויך אלע חברים ארום האבן גארנישט געזאגט. איך האב געוואוסט וואס זיי טראכטן.

איך האב געעפנט מיין לעדל פרובירנדיג צו זען וויאזוי די רעקארדער איז אנגעקומען אהין. דאן האב איך צום ערשטן מאל באמערקט א לאך אין מיין לעדל, ווייזט אויס אז פון דארט איז עס ארויסגעפאלן. יענע נאכט האב איך נישט געקענט איינשלאפן, די חרטה געפילן און בושה האבן מיר געהאלטן וואך. יעצט האב איך מיך געכאפט אז איך וואלט דאס געדארפט אדורכשמועסן מיטן אייבערשטן פאר איך באשולדיג שמעון מיטן עס גנב'נען.

דעם נעקסטן אינדערפרי בין איך אריבערגעגאנגען צו מיין מלמד. פול מיט בושה האב איך אים פארציילט די גאנצע מעשה און אים געפרעגט וואס איך זאל טון. דער משגיח האט זיך פארטראכט און איך האב געזען אז עס טוט אים זייער וויי וואס עס האט פאסירט.

"צום ערשט דארפסטו אים אנרופן" האט דער מלמד געזאגט. "איך וועל אים אויך רופן, און פרובירן צו באוועגן ער זאל צוריקקומען אין קעמפ. איך האב זיך טאקע געוואונדערט פארוואס ער איז אהיים" איך האב געשלינגען. עס זאגט זיך גרינג, אים אנצורופן, אבער אויספירן איז שוין ביטער שווער.

"צווייטנס" האט דער מלמד מיר ווייטער געזאגט: "עס שטייט אז מען קען באצאלן א מענטש פאר בושות. איך טראכט אז דו זאלסט נוצן דיין חנוכה און פורים געלט אים צו קויפן א מתנה" איך האב זיך פארטראכט.

"און דריטנס" האט דער מלמד געזאגט: "זאלסטו זיך פארנעמען צו רעדן צום אייבערשטן ביי יעדן פאל וואס עס פאסירט דיר אין לעבן, נישט מאכן קיין שנעלע החלטות אָן ארויסגיין פאר א שפאציר און עס אדורכרעדן מיטן אייבערשטן".

נאכמיטאג האב איך אנגערופן מיין מאמע און איר פארציילט די גאנצע מעשה. מיין מאמע איז געווען טרויעריג. איך מיין אז עס האט איר זייער געשטערט אז איר זון האט אזוי וויי געטון א צווייטן. דערנאך האב איך איר געפרעגט וואס איך קען קויפן פאר שמעון. מיין מאמע האט געהאט א פלאן...

די נעקסטע וואך, ווען שמעון איז צוריקגעקומען און מיר האבן זיך איבערגעבעטן, האב איך אים געגעבן א מתנה. צו קענט איר צוטרעפן וואס?

איך האב אים געקויפט א רעקארדער... און ער האט מיר געזאגט, "שכח... חזקי". און ער האט צוגעלייגט "דו ווייסט וואס איך טראכט? אויבן אין הימל איז אויך דא א רעקארדער, אן אויער וואס הערט יעדעסווארט וואס מיר רעדן ארויס דא."

איך האב אראפגעקוקט אויפ'ן ערד, מיין פנים איז רויט געווארן. איך האב זיך געשעמט מיט וואס מען האט געהערט די לעצטע וואך פון מיר אין הימל. שמעון איז געווען גערעכט. "יא, יא" האב איך שטיל געזאגט: "מען דארף זיכער מאכן אז מען זאל נאר דארט הערן פון מיר ווערטער פון לערנען און דאווענען, און ווערטער פון רעדן צו חברים נאר גוטע און שיינע זאכן."

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



בראשוב'ער רב שליט"א באזוכט אין כולל אין שטעטל

קרעדיט: נפתלי זאבעל



מען גיסט די כלים מקוה אין שטעטל





ביים גיסן צעמענט ביים נייען בנין פארן בית התבשיל אין שטעטל

קרעדיט: אהרן שלמה שווארץ



נייע באס געקויפט פאר די מוסדות אין שטעטל



פרישע וואסער טענק אנגעקומען צום בנין
היכל הקודש אומאן



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס
פאר די בחורי הישיבה אין שטעטל



פרישע שארטקאט ווערט געבויעט צווישן מארקס און
ירושלים גאס אין שטעטל



די צוויי חשובע שוחטים מו"ה רפאל פורסט הי"ו
און מו"ה שלמה רוטה הי"ו ביים זיך לערנען שחיטה
מיטן באקאנטן שוחט מו"ה הערשל ווייס שליט"א



בר מצוה פון בן מו"ה קלמן אליעזר עגמי הי"ו



**ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון מוהרא"ש אין יבנאל**



**ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון ר' שמעון דער משמש פון רבי'ן אין צפת**



**ישיבת היכל הקודש ירושלים ביי הרה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל**







**ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים מערה אין מירון**